STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03129

YIDISH

Aaron Bergman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בערגמאַן, א. גאָלדבערג

יידיש

אַרבעטבוך אויף שפּראַך

פאַרן פערטן און פיפטן לערניאָר

צווייטע רעווידירטע אויפלאַגע

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן
80—5טע עוועניו, ניו יאָרק.
1940

Copyright, February, 1940
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE
OF THE JEWISH SECTION
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Avenue, New York
209

אינהאַלט

זייט

ווערב ... 5
פּערזאָנען ... 7
איצטיקע צייט ... 8
—סט ... 10
—סטו ... 11
—ט ... 12
—דט ... 13
אידיאָמען ... 14
—ן, —ען ... 15
יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש ... 17
פאַרגאַנגענע צייט ... 19
קומענדיקע צייט ... 23
בייגונג פון ווערבן ... 24
פאַרקירצונג ... 26
סינאָנימען ... 27
אינפיניטיוו ... 29
פּאַרטיציפּ ... 31
יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש ... 35
פּילכאָליקע פאַרגאַנגענע צייט ... 37
באַדינג-פאָרם ... 39
בייגונג פון באַדינג-פאָרם ... 40
באַפעל-פאָרם ... 41
בייגונג פון ווערב ... 43
אַנטאָנימען ... 44
ווערבן מיט פּרעפיקסן ... 47
ווערבן מיט פּרעפיקסן אין
פאַרגאַנגענער צייט ... 48
פּרעפיקס אין איצטיקער צייט ... 49
ניט-אַקצענטירטע פּרעפיקסן ... 52
איצטיקע צייט פון ווערבן מיט
ניט-אַקצענטירטע פּרעפיקסן ... 53
בייגונג פון ווערבן מיט פּרעפיקסן 54
צו—, צע— ... 55
סינאָנימען ... 57
ווערבן מיט „זיך" ... 59
באַשרייבנדיקע ווערבן ... 60
פּאַסיווע ווערבן ... 62
דער סובסטאַנטיוו ... 64
דער אַרטיקל ... 65
אַ, אַן ... 66
אומבאַשטימיקער אַרטיקל קיין ... 67
נאָך וועגן קיין ... 68
סינאָנימען ... 69
דער באַשטימיקער אַרטיקל ... 70
דער מין ... 71
ווי אַזוי מען פאָרמירט
דעם 2טן מין ... 72
דימינוטיוון ... 73
דימינוטיוון מיט —דל און —כל 74
דער מין—אָריענטיר-טאַבעלע ... 76
אַ לעקציע אין געאָגראַפיע ... 81
מערצאָל ... 84
מערצאָל מיט —ער און —ים ... 84
מערצאָל ... 87
צאָל-ווערטער ... 88
וואָג און מאָס ... 90
אַדיעקטיוו ... 92
ווי מען פאָרמירט אַדיעקטיוון ... 93
אַדיעקטיוו-ענדונגען ... 95
פאַרגלייך-פאָרמעס פון אַדיעקטיוו 97
אומרעגלמעסיקע גראַדאַציעס ... 100
אָרדענונג-צאָלן ... 101
האָמאָנימען ... 103
סוביעקט, אָביעקט ... 105
די פּרעפּאָזיציע ... 109
יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש ... 111
צייט און דאַטעס ... 112
אומדירעקטער אָביעקט מיט
אַ פּרעפּאָזיציע ... 114
נעמען וואָס בייטן זיך ביים בייגן 120
פּאָסעסיוו ... 121
ביישפּאַלן ... 123
פּערזאָנלעכע פּראָנאָמענס ... 125
אַדווערב ... 127
פאַרגלייך-גראַדן פון אַדווערבן ... 128
יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש ... 130
דער אַלפבית ... 131
ווערטערביכל פון העברייאישע
ווערטער ... 133
ענטפערס ... 143
צו די לערער ... 144

װערב

הױב אױף דײַנע אױגן און **זע** די געמױערטע גרױסע פֿאַבריקן,
װאו אַרבעטער **זעגן**, און **הובלען**, און **װעבן**, און **נײען**,
און **שטריקן**,
און **שמידן**, און **פֿײלן**, און **טאָקן**, און **שניצן**, און **גלעטן**,
און **פּוצן**,
און **שאַפֿן** די סכױרע, און **שאַפֿן** דאָס רײַכטום צום מענטשלעכן נוצן.

(י. באָװשאָװער.)

> װערטער װאָס באַטײַטן **טואונגען** זײַנען **װערבן**.
> זעגן, הובלען, װעבן — זײַנען װערבן.
> אַ װערב איז אין ענגליש — verb.
> טײל מאָל באַטײַט אַ װערב אַ **צושטאַנד**: שלאָפֿן, זיצן.

אַרבעט 1.

שרײַב אַרױס אַלע װערבן פֿון דער פּאָעמע.

אַמעריקע גײט!

אַמעריקע גײט!
זע אַמעריקעס זין און טעכטער —
מײַנען־אַרבעטער, פֿאַרם־הענט און פּעדלער!
דער, װאָס זיצט בײַ דער נײמאַשין,
און דער װאָס פֿירט די באַנען.

אַלע זײַנען דאָ:
דער, װאָס שרײַבט און מאָלט איז דאָ,
דער, װאָס קנעט פֿאַר אונדז דאָס ברױט,
און דער, װאָס קערט אין גאַס דאָס מיסט.
אַלע פֿאַכן זײַנען דאָ פֿאַרטראָטן.

אַמעריקעס זין און טעכטער!
װעלדער האַקן זײ אױס
און זײ בױען אױס שטעט.

זיי מאַכן פרוכטבאַר די ערד.
זיי אַרבעטן. זיי מיען זיך —
אַמעריקעס זין און טעכטער,
פאַרטרעטער פון מיליאָנען!

(ל. מילער.)

אַרבעט 2.

שטעל צוזאַמען אַ ליסט פון אַרבעטער און וואָס זיי טוען:

דער שניידער נייט. דער וועבער וועבט.



אַ מעלאָכע איז אַ מעלוכע

פּערזאָנען

איך לערן אין אַ יידישער שול. **איך** קען שוין לייענען און שרייבן. מיין שוועסטערל איז נאָך צו יונג, זי גייט נאָך ניט אין שול. און **דו** לערנסט אין אַ יידישער שול? **מיר** לערנען, **מיר** ווילן קענען. הערי און ביטרים זיינען שוין גרויסע, **זיי** גייען אין מיטלשול. וואו לערנט **איר**? אויך אין דער אָרדן-שול.

ווען מען רעדט וועגן זיך אַליין, זאָגט מען: איך — מיר.

ווען מען רעדט צו עמעצן, זאָגט מען: דו — איר.

ווען מען רעדט וועגן עמעצן, זאָגט מען: ער, זי — זיי.

איך — מיר	איז	**ערשטע פּערזאָן**
דו — איר	איז	**צווייטע פּערזאָן**
ער, זי — זיי	איז	**דריטע פּערזאָן**

אַרבעט 3.

שרייב אַרויס אַלע ווערבן פון דעם פּאַראַגראַף, שטעל זיי אויס לויט די פּערזאָנען:

ערשטע פּערזאָן	צווייטע פּערזאָן	דריטע פּערזאָן
איך גיי	דו גייסט	נאָראַ גייט

ביים מיטינג

נאָראַ גייט צום מיטינג פון קינדער-קלוב. טרעפט זי אויפן וועג אידיטן.

— וואוהין גייסטו? — פרעגט נאָראַ.

— איך גיי אַהין וואו דו גייסט — ענטפערט אידיט — צום מיטינג.

— און וואו איז סימאָר? ער קומט ניט צום מיטינג?

— סימאָר איז שוין דאָרטן. ער אַרבעט אויף דער וואַנטצייטונג.

קומען זיי ביידע, נאָראַ און אידיט, אַריין אין שול.

אַ גערויש, אַ טומל, אַ געלעכטער. סילוויע שפּילט אויף דער

פּיאַנע, הערי שרייט, עטל לאַכט, יאַנקל פּייפֿט. סימאָר איז פֿאַרטאָן אין דער וואַנטצייטונג. מערי העלפֿט אים. בייזערט זיך אידיט:

— סילוויע, הער שוין אויף קלאַפּן אויף דער פּיאַנע. פֿאַרוואָס שרייבסטו ניט איבער דיין קאָמפּאָזיציע? און דו, יאַנקל? דו מוזסט פּייפֿן? נעם בעסער און שנייד אויס בילדער. דו מעגסט אויך עפּעס טאָן פֿאַר דער וואַנטצייטונג. מיר מוזן היינט פֿאַרטיק ווערן.

איצטיקע צייט

מערצאָל	איינצאָל
מיר לייענען	1. איך לייען
איר לייענט	2. דו לייענסט
זיי לייענען.	3. ער לייענט

אַרבעט 4.

שרייב אין אַלע פּערזאָנען, איינצאָל און מערצאָל:

איך שרייב; איך לייען; איך מאָל; איך לויף; איך פֿאָר.

אַרבעט 5.

גיב די זאַצן אין אַלע פּערזאָנען, איינצאָל און מערצאָל:

1. איך בין אַ גוטער שילער.
2. איך האָב אַ שיין קאָל.

קוק זיך צו:

וועלכע אויסיעס קומען צום סאָף אין דער צווייטער פּערזאָן?

וועלכע אויסיעס קומען צום סאָף אין דער דריטער פּערזאָן?

איך	קלאַפּ	זינג	טרינק
דו	קלאַפּסט	זינגסט	טרינקסט
ער	קלאַפּט	זינגט	טרינקט

איך	טאַנץ	רעד	נאַש
דו	טאַנצסט	רעדסט	נאַשסט
ער	טאַנצט	רעדט	נאַשט

גערעדנק!

די צווייטע פּערזאָן	די דריטע פּערזאָן
האָט די ענדונג סט	**האָט די ענדונג ט**
(ערשטע פּערזאָן + סט)	(ערשטע פּערזאָן + ט)
קלאַפּ+סט, טרינק+סט, נאַש+סט.	קלאַפּ+ט, זינג+ט, רעד+ט.

אַרבעט 6.

בייט איבער די סטראָפעס אין דער צווייטער און דריטער פּערזאָן, איינצאָל.

ביים פענצטער

איך האָב איין פּאָר שיך
מיט צען פּאָר לעכער,
זיץ איך ביים פענצטער
און קוק אויף די דעכער.

איך בין שוין אויסגעוואַקסן,
פון טאַטן באַלד העכער,
איך האָב אַ פּאָר שיך —
וואַקסן דאָרטן לעכער.

הונגעריק בין איך,
עם ווילט זיך אַזש ווייגען,
נעם איך אַ ביכל,
איז מיר קאַלט צו לייענען.

(יאָסל קאָטלער.)

— סט

איך וואַש	דו וואַשסט
איך קרעכץ	דו קרעכצסט
איך פּאַטש	דו פּאַטשסט
איך בלאָז	דו בלאָזסט

שרייב די ענדונג —סט אין דער צווייטער פּערזאָן, איינצאָל, אַפּילע ווען דו הערסט ניט קלאָר די ס.

אַרבעט 7.

שרייב איבער אין דער צווייטער פּערזאָן, איינצאָל:

איך קוש	איך שלוקערץ	איך גליטש זיך
איך וויש	איך קראַץ	איך פּאַטש
איך נאַש	איך קריץ	איך צעקנייטש
איך פּאַרלעש	איך שוויץ	איך ווינטש
איך מיש	איך שניץ	איך בענטש

איך לאָז	איך גלעט
איך ווייז	איך האַלט
איך מוז	איך היט
איך רייז	איך וואַרט
איך האַלדז	איך רייט.

אַרבעט 8.

שרייב איבער די זאַצן אין דער צווייטער פּערזאָן, איינצאָל:

איך גליטש זיך אין פּאַרק אויפֿן אייז.
ער צעהיצט זיך זייער שנעל.
זי היט זיך פֿאַר אונדז.
איך פּאַרלעש דעם לאָמפּ.
ער פּאַרטווישט יעדעס מאָל דאָס היטל.
זי פּאַרטייטשט אַלע שווערע ווערטער.
ער רייזט אַרום איבער דער וועלט.
ער גלאָצט אויס אויף מיר אַ פּאָר אויגן.
ווינטער פרירט ער, זומער שוויצט ער.

איך פאַרגעס	דו פאַרגעסט
איך הוסט	דו הוסט

ווען די ערשטע פערזאָן ענדיקט זיך מיט ס, גיב צו אין דער צווייטער פערזאָן בלויז ט (ניט סט).

ווען די ערשטע פערזאָן ענדיקט זיך מיט סט, קריגט די צווייטע פערזאָן ניט קיין ענדונג.

אַרבעט 9.

גיב די צווייטע פערזאָן, איינצאָל:

באַגרים, עס, פאַרשלים, שמועס, שיס.

הוסט, טרייסט, מעסט, פאַסט, פאַרוויסט.

— סטו

דו לויפסט און לויפסט.	וואוהין לויפסטו?
דו דערציילסט אַ מייסע.	וואָסערע מייסע דערציילסטו?

ווען דו קומט נאָכן ווערב, פאַלט די „ד״ אַרויס און ס'ווערט איין וואָרט מיט ענדונג —סטו.

אַרבעט 10.

גיב צו ענדונג סט אָדער סטו:

דו וויל— גיין צו דער פאַרשטעלונג? וואָס פרעג—, דו ווייי— דען ניט? בי— גרייט צו גיין? וואָס דריי— זיך אונטער די פיס? פאַרוואָס טו— ניט עפּעס? פאַרוואָס העלפּ— אונדז ניט? וואָס ווע— איצט זאָגן? דו רעד— און פלוידער— און דערצייל— גאַנצע מייסעס, פאַרשטיי— כאָטש וואָס דו זאָג—? קענ— לייענען, וואָס דו שרייב—? פאָר— אַוועק, וואוהין פאָר— ? וואָס מאַכ— עפּעס גוטס? וואָס שלאָפ— אַזוי שפּעט, וואָס שטיי— ניט אויף? „ווען דו דערוואַכ— אַמאָל, מיין קינד, געפינ— מיך ניט מער.״

אַליין קענסטו עסן, אָבער ניט אַרבעטן.

—ט

איך זאָג	ער זאָגט
איך קלאַפּ	ער קלאַפּט

פאַרוואָס שרייבט מען זאָגט (ניט זאָקט)?

> **גערענק!** ווען דו ביסט ניט זיכער צי מען שרייבט ב אָדער פּ, ג אָדער ק, ז אָדער ס, וו אָדער פ, זע ווי עס ענדיקט זיך די ערשטע פּערזאָן.

אַרבעט 11.

שרייב איבער אין דער דריטער פּערזאָן, איינצאָל:

איך פאַרב	איך שרויף	איך שוויג
איך שטרעב	איך פּרואוו	איך באָרג
איך הויב	איך שאַרף	איך בענק
איך קניפּ	איך וויז	איך ברענג
איך זופּ	איך ווײַס	איך דינג
איך שטופּ	איך פּרעס	איך שווענק.

אַרבעט 12.

שטעל אַרײַן דאָס ריכטיקע אָס:

עס בלאָ—ט אַ קאַלטער ווינט און רײַ—ט אַראָפּ די בלעטער.	ז—ס
דער גלאָק ווע—ט עפּשער פינף און צוואַנציק פונט.	ג—ק
דער זייגער קלינ—ט און ווע—ט יאַנקלען.	ג—ק
ער בליי—ט שטענדיק דער לעצטער.	ב—פּ
ער זיי—ט זיך אײַן דאָס פּאָנעם.	וו—פ
דו ווײַ—ט כאָטש וואָס היי—ט אַ סטרייק?	ז—ס
ער האָט געפּרו—ט, אָבער עס העל—ט ניט.	וו—פ
לאַבזיק זעט ווי מען שטו—ט זיך.	ב—פּ
מיר ווערן געהאַ—ט און געטריבן,	ז—ס
מיר ווערן געיאָ—ט און פאַרפּאָל—ט. (ד. עדלשטאַט.)	ג—ק
פלינק די נאָדל אײַנגעשרוי—ט,	וו—פ
ברומט דער מאָטאָר און לוי—ט. (מ. בירנבוים.)	וו—פ

—דט

איך רעד	ער רעדט
איך שנייד	ער שניידט

שרייב **דט** אין דער דריטער פּערזאָן איינצאָל, אויב די ערשטע פּערזאָן איינצאָל האָט צום סאָף אַ ד.

אַרבעט 13.

שרייב איבער אין דריטער פּערזאָן, איינצאָל:

איך לייד	איך לאַד איין	איך באָד זיך
איך מייד אוים	איך לאַד אָן	איך פאַרבינד
איך קלייד זיך	איך פאַרשווינד	איך שמיד
איך ווענד זיך	איך צינד אָן	איך שייד זיך

איך ליי געלט.	ער לייט געלט.
איך לייד צאָרעס.	ער ליידט צאָרעס.

ווען שרייבט מען לייט און ווען ליידט?

אַרבעט 14.

מאַך זאַצן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער אין דריטער פּערזאָן, איינצאָל:

שנייט—שניידט. זינגט—זינקט. וועגט—וועקט.
ווייסט—ווייזט. וועבט—וועפּט. רייסט—רייזט.

אַרבעט 15.

שרייב אין אַלע 3 פּערזאָנען, איינצאָל:

ער קען	ער וויל	זי טויג	זי בעט
ער דאַרף	ער מעג	זי אַרבעט	זי היט

וואָס מען פאַרזייט, דאָס שניידט מען.

אידיאָמען

ער „מאַכט זיך האַרץ“

ער מאַכט זיך האַרץ.

וועלוול האָט ליב מאָלן בילדער. אין קלאַס האָבן מיר לעצטנס איינגעפירט אַ בוך מיט יידישע שפּריכווערטער און אידיאָמען. האָט וועלוול זיך גענומען באַפּוצן אונדזער בוך. ער טייטשט אויס די אידיאָמען ניט אַזוי ווי מיר פאַרשטייען זיי, נאָר ווערטערלעך.

אָט איז איינע פון וועלוולס צייכענונגען.

„ער מאַכט זיך האַרץ“ מיינט: זיך שטאַרקן, זיך אָננעמען מיט מוט.

אידיאָם מיינט אַ כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פון דער שפּראַך. יעדע שפּראַך האָט אירע אידיאָמען. די אידיאָמען באַרייכערן די שפּראַך, מאַכן זי מער בילדלעך.

אַרבעט 16:

דערקלער די פאָלגנדיקע אידיאָמען:

1. ער האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער.
2. ער דרייט מיטן מויל.
3. ער האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

אַרבעט 17.

שרייב איבער די פאָלגנדיקע אידיאָמען (אַלע מיט „האַרץ“) און פאַרטייטש זיי; טראַכט צו נאָך אידיאָמען מיט „האַרץ“ און „מויל“.

1. אויסגיסן דאָס האַרץ — מיינט: זיך אַראָפּרעדן פאַר עמעצן, עמעצן דערציילן וועגן זיך.
2. אַ גאָלדן האַרץ.
3. האָבן אַ האַרץ אויף עמעצן.
5. אַראָפּנעמען אַ שטיין פון האַרצן.
5. דאָס האַרץ ציט.
6. אַ שטיינערן האַרץ.

—ן, —ען

מערצאָל	איינצאָל	מערצאָל	איינצאָל
מיר זיצן	איך זיץ	מיר זעען	איך זע
איר זיצט	דו זיצסט	איר זעט	דו זעסט
זיי זיצן	ער זיצט	זיי זעען	ער זעט

ווען מען שרייבט ען.

מען שרייבט —**ען** אין דער ערשטער און דריטער פּערזאָן, מערצאָל, ווען די ערשטע פּערזאָן ענדיקט זיך מיט:

1. **אַ וואָקאַל** — מיר, זיי שריי—**ען**, זע—**ען**, רו—**ען**.
2. **ל, נאָך אַ קאָנסאָנאַנט** — מיר, זיי זאַמל—**ען**, טומל—**ען**.
3. **מ, נ, נג, נק** — מיר, זיי נעמ—**ען**, לייענ—**ען**, זינג—**ען**, בענק—**ען**.

אַרבעט 18.

שרייב צו:

איך לויף	איך שריי	איך זאַמל	איך קלינג
דו	דו	דו	דו
ער	ער	ער	ער
מיר	מיר	מיר	מיר
איר	איר	איר	איר
זיי	זיי	זיי	זיי

איך בענק	איך נעם	איך לייען
דו	דו	דו
ער	ער	ער
מיר	מיר	מיר
איר	איר	איר
זיי	זיי	זיי

ווי ווערט געשאַפן די ערשטע פּערזאָן, מערצאָל?
ווי ווערט געשאַפן די צווייטע פּערזאָן, מערצאָל?
ווי ווערט געשאַפן די דריטע פּערזאָן, מערצאָל?

אַרבעט 19.

גיב אַלע פּערזאָנען מערצאָל פון די פאָלגנדיקע ווערבן:

איך וואַרט	איך עפן	איך הער
איך קום	איך מאָן	איך ברענג
איך לאַך	איך מאָל	איך שלינג
איך גיי	איך שלאָף	איך בוי
איך טומל	איך זע	איך טרינק

אַרבעט 20.

שטעל אַריין ן אָדער ען:

לאַכ— קינדער לוסטיק, מונטער.
זע— די קינדער יוניאָנס שפּאַנ—, זאָג— די קינדער:
אַרבעטער וויל— מיר זיין.
די קינדער שלאָפ— איין, מיד פון טאַנצ— און זינג—.
זיי זיצ— צוזאַמען און שמועס— שוין לאַנג. (י. ל. פּערעץ.)

ער האָט זיך אויפגעהויב— און איז אַנטלאָפ—,
וואו די אויגן האָב— אים געטראָג—.
שוואַרצע קאַרשן רייס— מיר, רויטע לאָז— מיר שטיין.
(פאָלקליד.)

אייביק יאָרן וועל— שטראָמ—,
אייביק גרינ— וועט דאָס פעלד. (א. פעפער.)
זיצ— זיבן וויבער ביי אַ קוואַל און ברונעם. (פאָלקליד.)

אַז דו וועסט וועל— ווים—, — צי האָט איר ניט געזען
אַז דו וועסט וועל— ווים—, צי האָט איר ניט געזען,
זאָלסטו לייט פרעג—: מיין ליב האַרציק קינד?
(פאָלקליד.)

רעטענישן

1. אַ קינד זאָגט צום טאַטן: — דו ביסט מיין טאַטע און איך בין ניט דיין זון.
2. וואָס געהער צו דיר און אַנדערע באַנוצן זיך מיט דעם מער ווי דו?

אַ מייסע מיט „ברעקפיש"

מיר זעצן זיך עסן וועטשערע. דאָ הייסט עס „סאַפּער". בראָכע האָט פֿיינט אָט דאָס וואָרט, ווי אַן ערלעכער ייד האָט פֿיינט כאַזער. נאָך אַ וואָרט איז פאַראַן, וואָס מיין שוועגערין קאָן ניט אַריבערטראָגן. דאָס איז אַ „ווינדע". אַ „ווינדע" הייסט דאָ אַ פענצטער. היינט קען זי ניט הערן, אַז מען זאָגט „סטאַקינגס". איר וועט קיין מאָל ניט פאַלן דערויף, אַז „סטאָקינגס" זיינען זאָקן. אָדער אַ

שטייגער וואָס וועט איר זאָגן אויפן וואָרט „דישעס"? אָדער וואָס קאָן זיין פּאָשעטער פון אַ לעפל? ניין, לוינט זיי ניט. ביי זיי קומט אוים, אַ לעפל איז אַ „ספון". ניט אומזיסט זאָגט בראָכע אַ ווערטל (זי האָט זיך אירע אייגענע ווערטלעך): „אַמעריקע איז אַ לאַנד, סטייק איז אַ מייכל, פּאָרק איז אַ גאָפּל און ענגליש איז אַ שפּראַך."

אַנומעלטן האָבן זיך עליע און פיניע צע־אַמפּערט און שיר ניט צעשלאָגן איבערן וואָרט „ברעקפיש"—אָנבייסן. דערפאַר, זאָגט עליע, איז אַן אָנבייסן „ברעקפיש", ווייל צום אָנבייסן עסט מען פיש אָדער הערינג. זאָגט פיניע: „וויבאַלד אַז הערינג, פאַר וואָס זשע זאָגט מען ניט „ברעקהערינג"? זאָגט אים עליע: „בעהיימע, וואָס דו ביסט! און וואָס איז אַ הערינג, ניט קיין פיש?" פילט זיך פיניע, אַז ער איז געשלאָגן, זאָגט ער: „ווייסטו וואָס? לאָמיר פרעגן ביי אַן אַמעריקאַנער יידן." און מע פוילט זיך ניט און מע שטעלט אָפּ אַ יידן אין מיטן גאַס און מע טוט אים אַ פרעג: „איר זענט שוין לאַנג אין אַמעריקע?" זאָגט ער: „דרייסיק יאָר. וואָס איז דען?" זאָגן זיי: „מיר ווילן אייך עפּעס פרעגן: גיט אונדז צו פאַרשטיין, פאַר וואָס זאָגט מען ביי אייך אויף אַן אָנבייסן „ברעקפיש"?" קוקט זיי אָן דער ייד און זאָגט צו זיי: „ווער האָט דאָס אייך געזאָגט, אַז אויף אַן אָנבייסן זאָגט מען ביי אונדז ברעקפיש?" „ווי אַזוי זשע דען זאָגט מען?" „ברעקפעסט! ברעקפעסט! ברעקפעסט!" שרייט זיי אוים דריי מאָל דער ייד גלייך אין פּאָנעם אַריין.

(שאָלעם־אַלייכעם.)

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

1. How are you?	וואָס מאַכסטו? ווי פילסטו?
How do you do?	ווי גייט עס דיר?
2. Please.	זיי(ט) אַזוי גוט. כ׳בעט דיך (אייך).
3. Thank you.	אַ דאַנק. אַ שיינעם דאַנק.
4. Excuse me.	אַנטשולדיק(ט).
5. Come on.	נו, נו שוין, ריר(ט) זיך.
6. Never mind.	ס׳מאַכט ניט אויס.

הער זיך צו ווי מען זאָגט אין יידיש. מ׳קען ניט שטענדיק באַנוצן דעם זעלבן אויסדרוק ווי אין ענגליש.
געדענק: ווען מ׳רעדט צו אַ דערוואַקסענעם פרעמדן מענטשן זאָגט מען צוליב העפלעכקייט ניט **דו**, נאָר **איר**.

אַרבעט 21.

זעץ איבער:

1. How are you today? Very well, thank you.
2. Come on, let's go to the picnic.
3. Please pass the butter, Mr. Green.
4. Here you are.
5. Thanks very much for the book.
   It is very interesting.
6. Excuse me, teacher.
7. Did you see the exhibition, Minnie?
   No. Did you see it, teacher?
8. How are you, father? And how are you, Mr. Cohen?

אַ וויץ

— וועלוול, וואָס טוסטו?
— איך העלף לייזערן.
— און וואָס טוט לייזער?
— ער זיצט ליידיק.

פאַרגאַנגענע צייט

היינט: איך זיץ ביים טיש און **שרייב** אַ בריוו. **איצטיקע צייט**

נעכטן: איך **בין געזעסן** ביים טיש און **האָב געשריבן** אַ בריוו. **פאַרגאַנגענע צייט**

פון וויפל ווערטער באַשטייט דער ווערב אין איצטיקער צייט?
פון וויפל ווערטער באַשטייט דער ווערב אין פאַרגאַנגענער צייט?

> די פאַרגאַנגענע צייט שאַפט מען מיט די **הילפווערבן האָב** און **בין**. די הילפווערבן ווייזן די פּערזאָן און צאָל.

איינצאָל	מערצאָל
איך האָב געשריבן	מיר האָבן געשריבן
דו האָסט געשריבן	איר האָט געשריבן
ער האָט געשריבן	זיי האָבן געשריבן

איינצאָל	מערצאָל
איך בין געזעסן	מיר זיינען געזעסן
דו ביסט געזעסן	איר זייט געזעסן
ער איז געזעסן	זיי זיינען געזעסן

אַרבעט 22.

שרייב צו:

איך בין	איך האָב
דו ____	דו ____
ער ____	ער ____
עס ____	מען ____
מיר ____	מיר ____
איר ____	איר ____
זיי ____	זיי ____

אַרבעט 23.

בייג אין פאַרגאַנגענער צייט:

לאַכן, רעדן, שטיין.

בייג אין איצטיקער און פאַרגאַנגענער צייט:

זינגען, לויפן, שרייבן, שפּרינגען, מאַכן.

אַרבעט 24.

שרייב איבער די ווערבן מיטן הילפֿווערב „בין" אין איין קאָלום,
די ווערבן מיטן הילפֿווערב „האָב" אין אַ צווייטן קאָלום:

דערנאָך איז פֿאַרגעקומען די באַגעגעניש. די טיר האָט זיך גע־עפֿנט און טאַטע־מאַמע מיט די פֿיר קלענערע ברידער זיינען אַריינ־געקומען. די פֿינף עלטערע ברידער האָבן אין אַ מינוט פֿאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַן ערד אונטער זייערע פֿיס. הענט האָבן זיך געפֿלאָכטן אַרום העלדזער, און די מאַמע האָט געוויינט פֿון פֿרייד. די קלענערע ברידערלעך זיינען געשפּרונגען אין דער לופֿטן און זיך געהאַנגען אויף די עלטערע ברידער מיט זייערע דינע, אויסגעמאָגערטע הענט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין די גאַנצע פֿאַמיליע אָפּגעפֿאָרן מיט דער הויכבאַן. זיי זיינען אַלע געזעסן אויף אַ לאַנגער באַנק פֿון דעם וואַגאָן און הויך און פֿריילעך געפּלאַפּלט. מען האָט זיך געפֿרייט מיט איין גרויסער פֿרייד פֿון אַ צוריק־אויפֿגעזוכטער היים. די מאַמע האָט זיך זיכער געפֿילט אַזוי ווי אַ קעניגין פֿון ערגעץ אַ מייסע־ביכל, וואָס האָט צוריק געפֿונען איר לאַנד. (א. ראַבאָי.)

לערן זיך אויס רעדן ריכטיק!

באַנוץ **בין** אין פֿאַרגאַנגענער צייט ביי די ווערבן:

1. געבליבן.	6. געווען.	11. געשלאָפֿן.	16. געשוואומען.
2. געגאַנגען.	7. געזעסן.	12. געפֿאָרן.	17. געשטאָרבן.
3. געהאַנגען.	8. געלאָפֿן.	13. געפֿלויגן.	18. געשטאַנען.
4. געוואַקסן.	9. געלעגן.	14. געקומען.	19. פֿאַרשוואונדן.
5. געוואָרן.	10. געפֿאַלן.	15. געקראָכן.	20. געשפּרונגען.

לערן אויס און געדענק די ווערבן אין דער טאַבעלע אויף אויסנווייניק.

די ווערבן: **געלונגען, געשען** ווערן געברויכט נאָר אין דער 3טער פֿערזאָן מיטן הילפֿווערב: **איז.**

אַרבעט 25.

שטעל אַריין דעם ריכטיקן הילפסווערב:

איך —— געלאָפן ביז איך —— מיד געוואָרן.
דאָס קינד —— געשטאַנען און —— געוויינט, —— געקומען די מאַמע און —— עס באַרויִקט.
דער טאַטע —— געזעסן ביים טיש און —— געלייענט אַ צייטונג.
ווער —— גערעדט ביים מיטינג? ווער —— געווען פאָרזיצער?
זי —— זיך אויפגעהויבן און —— אַוועקגעפאָרן.
ער —— ניט געגאַנגען, ער —— געפלויגן.
איך —— געוואַרט ביז ער —— פאַרשוואונדן.
דער לערער —— דערציילט, ווי עס —— אָנגעקומען די ערשטע יידן קיין אַמעריקע, ווי עס —— אויסגעוואַקסן אַ יידישער יישעוו אין אַמעריקע.

צען ברידער —— מיר געוועזן,
—— מיר געהאַנדלט מיט ליין;
איינער —— געשטאָרבן,
—— מיר געבליבן ניין. (פאָלקליד.)

אַרבעט 26.

בייג אין דער פאַרגאַנגענער צייט, אין אַלע פּערזאָנען:

געוויינט; געבליבן; געוואַקסן; געפונען;
פאַרשוואונדן; געפאָרן; געקוקט.

אַ וויץ

אַ יינגל דערציילט:

האָב איך געגאַנגען אַהיים. איז מיך געטראָפן אַ הונט. האָט ער געווען אַ גרויסער הונט, אַ בוי. בין איך זיך דערשראָקן און איך בין גענומען לויפן:

פרעגט אַן אַנדער יינגל: „נו, וואָס האָט געווען ווייטער?"

(דערצייל דעם וויץ אָן גרייזן.)

אַרבעט 27.

שרייב איבער אין פאַרגאַנגענער צייט :

איך גיי דען, נאַרעלע? איך פלי דאָך. איך פלי פון אויבן אַזוי ווי אַן אָדלער. אין עטלעכע מינוט בין איך שוין ווידער אויף דער יאַבאָשע. דאָרט הויבן זיך אָן די צוועלף הויכע בערג, וואָס שפּריצן מיט פייער, און אויפן צוועלפטן באַרג, סאַמע ביים שפּיץ, שטעל איך זיך אָפּ און גיי צו־פוס זיבן מייל, ביז איך קום צו אַ געדיכטן וואַלד. נאָך דעם גיי איך וואַלד־איין, וואַלד־אויס, ביז איך קום צו אַ קליין וואַסערל. דאָס וואַסערל שווים איך אַריבער און צייל אָפּ זיבן מאָל זיבן, וואַקסט אויס פאַר מיר אַן אַלטיטשקער מיט אַ לאַנגער באָרד און פרעגט מיך : „וואָס איז דיין באַגער?" (שאָלעם־אַלייכעם.)

אַרבעט 28.

שרייב אָן אַ פּאַראַגראַף אין דער פאַרגאַנגענער צייט מיט די ווערבן :

גערעגן, געשלאָפן, אויפגעשטאַנען, אַרויסגעלאָפן,

געשפּרונגען, געפאַלן, געקראָכן, געפלויגן, פאַרשוואונדן.

רעבוס

קומענדיקע צייט

1. היינט :	איך זיץ ביים טיש און לייען א בוך.	איצטיקע צייט.
2. נעכטן :	איך בין געזעסן ביים טיש און האָב געלייענט אַ בוך.	פאַרגאַנגענע צייט.
3. מאָרגן :	איך וועל זיצן ביים טיש און וועל לייענען אַ בוך.	קומענדיקע צייט.

קומענדיקע צייט

איינצאָל	מערצאָל
איך וועל לייענען	מיר וועלן לייענען
דו וועסט לייענען	איר וועט לייענען
ער וועט לייענען	זיי וועלן לייענען.

פון וויפיל ווערטער באשטייט א ווערב אין דער קומענדיקער צייט ?

וועל איז דער הילפווערב פאַר דער קומענדיקער צייט.

אַרבעט 29.

בייג אין דער קומענדיקער צייט :

— זיצן, רעדן, לאַכן, זינגען, שפּילן.

אַרבעט 30.

שרייב אַרוים די ווערבן אין קומענדיקער צייט:

וואָס וועט ער זיין, מיין זונעלע פיין?
אַ קאָוואַלטשיקל וועט מיין זונעלע זיין.
וואו וועט זיין קליינטשיק קוזשניעלע שטיין?
אויף דעם בערגעלע וואו די זון קומט צוגיין.
וועט מיין זונעלע שמעלצן דאָס גאָלד פון דער וועלט
און וועט דאָס שענקען די זאַנגעלעך אין פעלד.
וועלן די זאַנגעלעך לויכטן — אַ פּראַכט,
וועלן די פויערימלעך קוקן פאַרטראַכט.
וועלן פויערימלעך אַלע ליכטיקע זיין
אין די הייזעלעך מיט זונענשיין. (לויט מ. ל. האַלפּערן.)

בייגונג פון ווערבן

	איצטיקע	פאַרגאַנגענע	קומענדיקע
איינצאָל	איך לערן	איך האָב געלערנט	איך וועל לערנען
	דו לערנסט	דו האָסט געלערנט	דו וועסט לערנען
	ער לערנט	ער האָט געלערנט	ער וועט לערנען
מערצאָל	מיר לערנען	מיר האָבן געלערנט	מיר וועלן לערנען
	איר לערנט	איר האָט געלערנט	איר וועט לערנען
	זיי לערנען	זיי האָבן געלערנט	זיי וועלן לערנען.

אַ ווערב בייגט זיך אין דריי צייטן, דריי פּערזאָנען; דריי צאָלן.

אַרבעט 31.

בייג אין דריי צייטן, אין אַלע פּערזאָנען, איינצאָל און מערצאָל:

פרעגן, ענטפערן, קומען, בלייבן, זאָגן.

אַרבעט 32.

בייט איבער אין פאַרגאַנגענער און אין קומענדיקער צייט:

אַז וואו דו גייסט און וואו דו שפּרייזסט,
אַז וואו דו קומסט צו גאַסט נאָר,
מען שאַבט, מען ראַמט, מען בויט, מען ווייסט,
מען רייניקט און מען פלאַסטערט.
און פון דער נאָענט, פון דער ווייט
ביז ענד פון האָריזאָנטן —
עס גייט אַ וואונדערלעכער בייט
און ס'שמעקט מיט ערעוו־יאָנטעוו. (מ. כאַשטשעוואַצקי.)

אַרבעט 33.

פּיל אויס:

איצטיקע צייט	פאַרגאַנגענע צייט	קומענדיקע צייט
איך קום		
		זיי וועלן לאַכן
	ער האָט צעשניטן	
		מיר וועלן גיין
דו דעקלאַמירסט		
	דו האָסט געוויזן	
	איר האָט געליטן	
		זי וועט זינגען
מיר יאָגן זיך		
	עס האָט גערעגנט	
ער ענטפערט		
		דו וועסט זיצן

געבראָטענע טייבעלעך פליען ניט אין מויל אַריין.

פאַרקירצונג

עס גייט	מען גייט	איך גיי
ס׳גייט	מ׳גייט	כ׳גיי

די ווערטער: **איך, מען, עס** ווערן אָפט פאַרקירצט אויב זיי שטייען פאַר אַ ווערב.

קוק זיך צו, ווי מ׳שרייבט די ווערטער איך, מען, עס — פאַרקירצט.

אַרבעט 34.

שרייב איבער אַלע פאַרקירצונגען און גיב צו די ווערטער פון וועלכע זיי זיינען פאַרקירצט:

שמולעק הערט ניט אויף צו דערציילן מייסעס, וואָס ס׳וועט זיין אַמאָל, אַמאָל, אַז ביידע כאַוויירים וועלן אויסוואַקסן און ווערן גרויסע. און ס׳גיסט זיך ביי אים ווי ריינער בוימל, און ס׳ציט זיך ביי אים ווי אַ גוטער האָניק. און ס׳ווילט זיך גאַרניט אַוועקגיין אין דער וואַרעמער, זומערדיקער, פאַרקישעפטער נאַכט. נאָר מ׳מוז גיין אַהיים שלאָפן און מ׳געזעגנט זיך אָפּ: „ביז מאָרגן!“ (לויט שאָלעם־אַלייכעם.)

אַרבעט 35.

שרייב איבער דעם פאַראַגראַף און פאַרקירץ די ווערטער— איך, עס, מען:

איך בין געגאַנגען אין שול. עס איז געווען אַ קאַלטער טאָג. עס האָט געשנייט. איך האָב געטראָפן מיין כאַווער וועלוול. ער האָט געהאַט אַ פּאָר גליטשערס. „קום“, האָט וועלוול געזאָגט, „לאָמיר גיין אין פּאַרק זיך גליטשן. עס וועט זיין פריילעך. מען וועט מאַכן אַ שניי־מענטש און עס וועט זיך טאָן אַ ביסל.“ „איך מוז גיין אין שול אַריין“, האָב איך געענטפערט, „איך וויל ניט פאַרשפּעטיקן. קום אויך פריער אין שול. מען וועט זיך גליטשן און מען וועט מאַכן שניי־מענטשן שפּעטער.“ דענקט איר, אַז וועלוול האָט מיך געהערט?

אַרבעט 36.

פון וועלכע ווערטער זיינען געמאַכט די פאַרקירצונגען?

דער רעבע ט׳מיך געלערנט. דאָס ביימעלע ז׳שוין לאַנג איינגעבויגן. יאַנקעלע ז׳אַוועקגעפאָרן. אַז דו׳סט עלטער ווערן, וועסטו קליגער ווערן. ר׳איז אַוועק, ר׳איז פאַרפאַלן געוואָרן. איכ׳ל זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט, איר׳ט זען. דו׳סט זיך אַ ריר טאָן? מיר׳ן פאַרשפּעטיקן איבער דיר.

סינאָנימען

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין פרייען פעלד אַליין —
ווער קען זיין **סימכע** פילן?
ווער קען זיין **פרייד** פאַרשטיין?

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין רייכסטן פּאַלאַץ שוין —
ווער קען זיין **ווייטיק** פילן?
ווער קען זיין **שמערץ** פאַרשטיין?

(מ. ראָזנפעלד.)

ווערטער וואָס האָבן דעמזעלבן אָדער אַן ענלעכן באַדייט (סימכע—פרייד; ווייטיק—שמערץ) — רופט מען **סינאָנימען**.

אַרבעט 37.

שרייב אַרויס די סינאָנימען פון פאָלגנדיקן פּאַראַגראַף:

האָט איר באַדאַרפט אָנקוקן ווי אַט דער פיניע האָט זיך אָנגעצונדן און צעפלאַקערט זיך און גענומען רעדן און קייען און שפייען און שיטן מיט פייערדיקע הויכע ווערטער: אַז אַמעריקע איז דאָס איינציקע לאַנד, זאָגט ער, פון עמעסער פרייהייט און פון עמעסער גלייכהייט. אין אַמעריקע, זאָגט ער, קאָנסטו זיצן אַט־אָ־דאָ־אָ און לעבן דיר זאָל זיצן דער פּרעזידענט און ווייטער אַ ביסל זאָל זיצן אַ בעטלער, אַ שלעפּער, אַ ניקס שעבעניקס.

(שאָלעם־אַליימכעם.)

אַרבעט 38.

שטעל צו איינעם אָדער מער סינאָנימען צו די פֿאָלגנדיקע ווערטער:

ווייסן ______	טראַכטן ______	אייביק ______
דערציאונג ______	האָפֿן ______	בראַוו ______
לערער ______	טרייבן ______	בלאַס ______
שילער ______	שמועסן ______	עלנט ______
אָרעמאַן ______	דריקן ______	ליבלעך ______
פֿאַרמעגן ______	האָדעווען ______	פֿרעכטיק ______
אָנפֿאַנג ______	שפּאַנען ______	דערשטוינט ______
מי ______	זיפֿצן ______	רואיק ______
טומל ______	צעגלידערן ______	מעכטיק ______
קאַמף ______	פֿאַרשטיין ______	לוסטיק ______

אַרבעט 39.

לערן אויס לייענען די ווערטער אין העברייאישן אויסלייג;
שרייב איבער און גיב צו סינאָנימען:

אוודאי (אַוואַדע)
ארץ ישראל (ערעץ ייסראָעל)
בושה (בושע)
בחינם (בעכינעם)
גבור (גיבער)
גבורה (גוואורע)
דאגה (דייגע)
דירה (דירע)
דלות (דאַלעס)
דרך ארץ (דערעך-ערעץ)
הנאה (האַנאָע)
זקן (זאָקן)
זקנה (זקיינע)
חודש (כוידעש)
חורבן (כורבן)
חידוש (כידעש)
חרפה (כאַרפע)
חשק (כיישעק)
יושר (יוישער)
כבוד (קאָוועד)
כוח (קויעך)
כעס (קאַעס)

לץ (לעץ)
מורא (מוירע)
מלחמה (מילכאָמע)
מלך (מיילעך)
מלכה (מאַלקע)
מצרים (מיצרייעם)
משל (מאָשל)
משפחה (מישפּאָכע)
מתנה (מאַטאָנע)
ספר (סייפער)
עולה (אָולע)
עקשן (אַקשן)
עשירות (אַשירעס)
צער (צאַר)
רוצח (רויצייעך)
רעש (ראַש)
שונא (סוינע)
שלום (שאָלעם)
שמחה (סימכע)
שרפה (סרייפע)
תלמיד (טאַלמיד)
תמיד (טאָמיד)

אינפיניטיוו

לאַכן איז געזונט.
ער האָט ליב **צו לייענען** ביכער.
קינדער ווילן **שפּילן**.

> די אונטערגעשטראָכענע ווערבן באַטייטן טואונגען, וואָס ווייזן ניט די פּערזאָן, וואָס טוט, און ניט די צייט, ווען די טואונג קומט פאָר.
>
> לאַכן, שפּילן, צו לייענען — זיינען **אינפיניטיוון**.
>
> אָפט (ניט שטענדיק) קומט פאַרן אינפיניטיוו דאָס וואָרט **צו**. מען שרייבט „צו" באַזונדער.

אַרבעט 40.

שרייב איבער די שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די אינפיניטיוון.

שפּריכווערטער

ווערטער דאַרף מען וועגן און ניט ציילן.
לייען און באָרגן מאַכט גרויסע זאָרגן.
ווער ס'האָט ליב צו נעמען, האָט פיינט צו געבן.
מיט אַ לעפל קען מען דעם יאַם ניט אויסשעפּן.
די שווערסטע אַרבעט איז ליידיק צו גיין.
אַ פּאַטש איז לייכטער צו באַקומען, איידער צו געבן.
איבערגעקומענע צאָרעס איז גוט צו דערציילן.
אַן עמעס מעג מען זאָגן אַפילע אויף אַן אייגענעם טאַטן.

איך וועל קומען.	דו וועסט גיין.
זיי וועלן לויפן.	מיר וועלן זינגען.

> קומענדיקע צייט באַשטייט פון צוויי ווערטער:
>
> 1) **הילפווערב** — וועל, וועסט, וועט, וועלן — און
>
> 2) **אינפיניטיוו** — קומען, לויפן, גיין, זינגען.
>
> אינפיניטיוו ענדיקט זיך אויף ן אָדער **ען**.

איצטיקע צייט

קינדער לייענען ביכלעך.

מיר זעען אַ בילד.

מיר שטייען און היטן.

אינפיניטיוו

איך וועל לייענען.

מיר וועלן זען דאָס בילד.

מיר וועלן שטיין און היטן.

די ערשטע און דריטע פּערזאָן, מערצאָל אין איצטיקער צייט און דער אינפיניטיוו זיינען גלייך און האָבן די זעלביקע ענדונג: ן אָדער ען. אַן אויסנאַם זיינען עטלעכע ווערבן, ביי וועלכע דער אינפיניטיוו איז אַנדערש פון דער ערשטער און דריטער פּערזאָן, מערצאָל, איצטיקע צייט.

זען, שטיין, גיין, טאָן — אינפיניטיוו; מיר—זיי זעען, שטייען, גייען, טוען.

אַרבעט 41.

מאַך זאַצן מיט די ווערבן:

זען—זעען. שטיין—שטייען. גיין—גייען. טאָן—טוען.

אַרבעט 42.

שרייב זאַצן מיט די ווערבן:

מיר שטייען.	ער האָפּט.	איך ענטפער.
ער רעדט.	דו וואַשסט זיך.	זיי טוען.
איך האָב געזען.	זי לייענט.	מיר גייען.
ער לויפט	איר האָט געשריבן.	מיר נייען.
זיי זיינען געקומען.	זיי האָבן זיך באַוויזן.	זיי בויען.

ר ע ב ו ס



פּאַרטיציפּ

איך שרייב אַ בריוו.	איך האָב **געשריבן** אַ בריוו.
איך שלאָף.	איך בין **געשלאָפן** די גאַנצע נאַכט.
ער לייענט אַ בוך.	ער האָט **געלייענט** אַ סאַך ביכער.

די פאַרגאַנגענע צייט באַשטייט פון צוויי ווערטער:
1) בין אָדער האָב — **הילפווערבן**.
2) געשריבן, געשלאָפן, געלייענט — **פּאַרטיציפּ**.

אַרבעט 43.

שרייב אַרויס דעם פּאַרטיציפּ:

ווער?

טוט אַ קוק אויפן שטיבל, וואָס שטייט דאָ ניט ווייט.
ווער האָט עס געבויט דאָרט, ווער האָט עס?
ווער האָט עס מיט ליים און מיט ציגל באַנייט?
— אַ נאַקעטער יונג פון די בלאָטעס.

טוט אַ קוק אויפן פערדל, וואָס טאַנצט דאָרט אַליין.
ווער האָט עס געמאַכט אַזוי יונג, אַזוי שיין?
ווער האָט עס געפּאַשעט, ווער האָט עס?
— אַ נאַקעטער יונג פון די בלאָטעס.

טוט אַ קוק אויפן ברויט, ווי ס'איז היימיש און פריש.
ווער האָט עס געבאַקן, ווער האָט עס?
ווער האָט עס פון פעלדער געבראַכט אויפן טיש?
— אַ נאַקעטער יונג פון די בלאָטעס.

(א. פעפער.)

אַרבעט 44.

בייט די אינפיניטיוון אויף פּאַרטיציפּן און די פּאַרטיציפּן אויף אינפיניטיוון:

לאַכן און וויינען.	געוואויגן און געמאָסטן.	גיין און קומען.
דונערן און בליצן.	געזאָגט און געטאָן.	לויפן און פאַלן.
זען, הערן און שווייגן.	געקאָכט און געזידט.	עסן און טרינקען.
הערן און געדענקען.	געיאָגט און געפּלאָגט.	געקויפט און פאַרקויפט.
שפּינען און וועבן.	געוויינט און געבעטן.	געבראָכן און געשטאָכן.

אַרבעט 45.

שטעל צו דעם פּאַרטיציפּ:

אינפיניטיוו	פּאַרטיציפּ	אינפיניטיוו	פּאַרטיציפּ
1. לייענען	געלייענט	2. מוזן	______
שנייען	______	וואַרטן	______
מאַכן	______	שטערן	______
לאַכן	______	לאָזן	______
בליען	______	זאָגן	______
האַנדלען	______	רעדן	______
שטעלן	______	זוכן	______
רעדן	______	מעגן	______
היטן	______	קעמפּן	______
דאַרפן	______	כאַפּן	______

די פּאַרטיציפּן האָבן פּרעפיקס **גע** און ענדונג **ט**.

אַרבעט 46.

אינפיניטיוו	פּאַרטיציפּ	אינפיניטיוו	פּאַרטיציפּ
3. וואַשן	געוואַשן	4. ______	געבראָכן
וואַקסן	______	קריכן	______
שאַפן	______	וואַרפן	______
פאַלן	______	לויפן	______
באָדן	______	שטאַרבן	______
בלאָזן	______	שרעקן	______
שלאָגן	______	______	געגאָסן
שלאָפן	______	שליסן	______
הייסן	______	ניסן	______
עסן	געגעסן	______	געוואָרן

שטעל צו דעם פּאַרטיציפּ. וואָסער פּרעפיקס און וואָסער ענדונג קומט דאָ?

שטעל צו אינפיניטיוו אָדער פּאַרטיציפּ. מיט וואָס זיינען די פּאַרטיציפּן אַנדערש ווי אין 3?

אַ שפּאַס

אַ טויבער האָט געהערט, ווי אַ שטומער האָט דערציילט, אַז אַ בלינדער האָט געזען, ווי אַ לאָמער איז געלאָפן.

אַרבעט 47.

אינפיניטיוו	פּאַרטיציפּ	אינפיניטיוו	פּאַרטיציפּ
5. בינדן	געבונדן	6. בייסן	געביסן
צווינגען	———	רייסן	———
שפּרינגען	———	שווייגן	———
געפינען	———	רייבן	———
זינגען	———	קלייבן	———
זינקען	———	שניידן	געשניטן
ווינקען	———	שרייען	———

שטעל צו דעם פּאַרטיציפּ צו 5 און 6. ווי בייטן זיך די וואָקאַלן?

> פּאַרטיציפּן, וואָס האָבן די ענדונג ן, בייטן אָפּטמאָל זייערע וואָקאַלן.

אַרבעט 48.

שטעל צו דעם פּאַרטיציפּ אָדער דעם אינפיניטיוו:

אינפיניטיוו	פּאַרטיציפּ	אינפיניטיוו	פּאַרטיציפּ
7. וועגן	געוואויגן	8. זיין	געוועזן (געווען)
שווערן	———	ברענגען	געבראַכט
בייגן	———	———	געגאַנגען
פֿאַרלירן	———	———	געזעסן
שערן	———	———	געלעגן
לייכטן	———	———	געשטאַנען
———	געפלויגן	———	געליטן
ציען	———	———	געוואָלט

ווען אָדעם האָט געאַקערט און כאַווע האָט געשפּונען,
וואו האָט זיך דאַן דער האַר געפונען?

אַ כאָלעם

הונגעריק בין איך געווען, דאָס האַרץ האָט אין מיר געכאַלעשט. זע איך אַ גאָרטן—אַ גאַן־אײדן: עפּל—גאָלדענע, באַרנעס—געשפּרענקל־טע, גרויסע. דער זאַפט, דאַכט זיך, טריפט פון זיי אַראָפּ. איך שטרעק אויס אַ האַנט — דער עפּל רוקט זיך אָפּ, די באַרנע בויגט זיך אַוועק אין אַ זייט, קיין איינציקע פרוכט לאָזט זיך ניט כאַפּן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו זינגען:

ניט דו האָסט אונדז געזעצט,
ניט דו האָסט אונדז געפלאַנצט.

הערסט אַ מייסע? און ניט איבערצושפּאַרן. דאָס גאַנצע בלוט האָט אין מיר אויפגעקאָכט. און איך האָב מיך אַזוי לאַנג געוואָרפן און געוואָרפן, ביז איך בין אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד.

וואָס טוט מען? מיט אַ האַרץ, וואָס קלאַפּט ווי ביי אַ גאַזלען, שפּרינג איך אויף און לויף מיט די לעצטע קויכעס פון גאָרטן אַרויס.

אָט בין איך אויפן פעלד.

איי, זאַנגען — ווי גאָלד! זיי שאָקלען זיך, זיי פאַרבעטן מיך: קום, ייד, בויג צו די קאָשערע ליפּן.

איך לויף צו מיט אַן אָפן מויל. נאָר דאָס פעלד לאָזט אַרויס אַ געלעכטער. און לאַכנדיק זינגט עס, דאָס פויערישע פעלד זינגט:

וואו ביסטו געווען,
ווען דער פויער האָט געאַקערט?
וואו ביסטו געווען,
ווען דער פויער האָט געזייט?

איך בין אַנידערגעפאַלן. אַ גליק, אַז איך בין ניט געבליבן אויפן אָרט.

און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגן אין בעט און אויפן קאָפּ האָט מיר געדריקט אַ זעקל אייז.

(י. ל. פּערעץ.)

49. אַרבעט

שרייב אַרויס אין צוויי קאָלומס די פּאַרטיציפּן מיט ן און ט; גיב צו צו יעדן פּאַרטיציפּ זיין אינפיניטיוו.

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

ער האָט געקוקט פֿאַר זיינע ביכער.
זי האָט געפרעגט פאַר אַ ניקל.

וואָס טויג ניט אין די זאַצן?

מ׳קאָן ניט באַנוצן דעמזעלביקן אויסדרוק

1. Ask—	פרעגן	Ask for—	בעטן
2. Look—	קוקן	Look for—	זוכן
3. Call—	רופן	Call on—	באַזוכן
4. Wait—	וואַרטן	Wait for—	וואַרטן אויף
5. Tell—	זאָגן, דערציילן	Tell to—	הייסן

מ׳זאָגט אין יידיש:

Pay attention—	שענקען אויפמערקזאַמקייט
Take the floor—	נעמען אַ וואָרט
Make a speech—	האַלטן אַ רעדע
Catch a cold—	זיך פאַרקילן
Have a good time—	גוט פאַרברענגען אָדער זיך אַמוזירן
Go—	גיין (צופוס) פאָרן (מיט דער באַן, מיט אַן אויטאָמאָביל)

אַרבעט 50.

זעץ איבער:

1. Tell him to do it. 2. He goes to Boston by boat. 3. I won't stand for your nonsense, my friend. 4. She became ill, and the doctor called on her. 5. I know him well, but I can't tell you about him. 6. Frieda took the floor and made an awful speech. 7. Come on, make up your mind. 8. Jack has a cold and has to stay in bed. 9. Did you find your book? No, I'm still looking for it. 10. Wait for me, Dicky, I'll be out soon. 11. I close my letter. 12. Why don't you pay attention to your teacher? 13. Tell him to tell you the story. 14. Ask your mother for a nickel. 15. Here you are, sonny.

זאָג אויף יידיש:

Come on—	נו, נו שוין, ריר זיך!
Nonsense—	נאַרישקייטן
Know—	וויסן, קענען
Here you are—	אַט האָסטו, נאַדיר

אַט אַזוי־זשע רעדט

מען קען עניטיים געפינען אַ יידיש וואָרט, ווען מען דאַרף.

כאָטש דעם עמעס וועלן מיר אייך זאָגן, אַז אַנשטאָט „עניטיים", דאַרף מען זאָגן: **צו יעדער צייט**, אָדער **ווען עס איז**, אָדער **ווען ניט איז**, אָדער אַפילע **איצט**. ווייסט איר וואָס? נעמט טאַקע שוין אַ פענסל און פייפער און פאַרצייכנט די אַלע ווערטער, און פאַר איין וועג פאַרצייכנט אויך אַז מען דאַרף זאָגן **פּאַפּיר** און **בלייפעדער**, אָדער **בליישטיפט**, און סטאָפּט פרעגן קאַשעס.

מיר מיינען ניט, אַז איר זאָלט טאַקע „סטאָפּן" אין מיטן דרינען. מיר מיינען פּאָשעט, אַז איר זאָלט **אויפהערן**, אָדער **בלייבן שטיין**, אָדער **מאַכן אַ סאָף** און אויב איר ווילט **ענדיקן**, זיינען מיר נישט אַגענסט.

פאַרוואָס זאָלן מיר זיין „אַגענסט"? מיר זיינען **קעגן**, דאַצאָל.

מיינט איר דאָך, אַז מיטן „דאַצאָל" זייט איר שוין פאַרטיק. זייט זשע וויסן, אַז דערווייל איז דאָס **דאָס אַלץ**, און **גענוג**. און טאָמער איז דאָס פאַר אייך צו ווייניק, איז דאָס ניט אונדזער „פאָלט". ס'איז אייער אייגענע **שולד**, ווייל איר זאָגט „פאָלט". נאָר וואָס „קערן" מיר?

מירן אייך זאָגן דעם עמעס, אַז מיר „קערן" גאָר ניט. זעט איר, **אַרן**, **אַרט** עס אונדז דאָפּקע יאָ. וועט איר דאָך פרעגן: וואָס איז דער דיפערענס? וועלן מיר אייך ענטפערן: ס'איז שוין גאָרניט קיין „דיפערענס" — ס'איז אַן **אונטערשייד**, מיט איין וואָרט: ס'איז אַ **נאָפּקע־מינע** ווי פאַר־אינסטענס צווישן **כילעק** און בעד־רום.

אַ סאַך מענטשן פירן זיך, אַז ווען זיי זיינען שלעפעריק און הויבן אָן גענעצן, ווילן זיי קיין מאָל ניט אַריינגיין אין „בעד־רום". איר זאָלט זיי כ'ווייס ניט וואָס, וועלן זיי אַוועקלייגן אַלע אַרבעטן און אַריינגיין אין **שלאָפצימער**, זיך אויסציען אויפן בעט און כאַפּן אַ פיינעם נעפּ.

נאָר ווען זיי שטייען אויף, געפינען זיי גאָר אויס, אַז געראַטעוועט האָט זיי דער **דרימל**, מ'קען זאָגן: דער **שלאָף**, אָבער ניט דער „נעפּ".

(מאָוד און פּענצטער.)

פילמאָליקע פאַרגאַנגענע צייט

1. איך האָב געשריבן אַ בריוו.
2. איך **פֿלעג** יעדע וואָך **שרייבן** אַ קאָמפּאָזיציע.
3. טילי איז געגאַנגען אין גאָס.
4. טילי **פֿלעגט** יעדן טאָג **שפּאַצירן** אין פּאַרק.

פֿילמאָליקע פאַרגאַנגענע צייט	**פאַרגאַנגענע צייט**
2. איך **פֿלעג שרייבן**.	1. איך האָב געשריבן
4. זי **פֿלעגט גיין**.	3. זי איז געגאַנגען

> ווען דער ווערב באַצייכנט אַ טואונג, וואָס האָט זיך איבער־געכאַזערט, איז דאָס די **פּילמאָליקע פאַרגאַנגענע צייט**.

מיר פלעגן שלאָפן	1. איך פלעג שלאָפן
איר פלעגט שלאָפן	2. דו פלעגסט שלאָפן
זיי פלעגן שלאָפן	3. ער פלעגט שלאָפן

> אין דער פילמאָליקער פאַרגאַנגענער צייט קומט דער **הילפווערב פלעג + אינפיניטיוו**.

אַרבעט 51.

שרייב אַרויס די ווערבן פון פאָלגנדיקן פּאַראַגראַף אין פילמאָליקער פאַרגאַנגענער צייט:

אוי, איז סטעמפעניו געווען אַ בעריע. ער פלעגט אַ כאַפּ טאָן דאָס פידעלע און אַ פיר טאָן מיטן סמיק, איין פיר טאָן, ניט מער, פלעגט דאָס שוין אָנהויבן ביי אים צו רעדן. אָבער ווי אַזוי, מיינט איר, רעדן?

טאָקע מיט ווערטער, מיט אַ צונג, ווי אַ לעבעדיקער מענטש. דעם קאָפּ פלעגט סטעמפּעניו פאַרוואַרפן אויף אַ זייט, די לאַנגע שוואַרצע פּאַטליע האָר צעוואָרפן אויף זיינע ברייטע אַקסלען. די אויגן, די שוואַרצע ברענענדיקע אויגן פאַרריסן אַרויף, און דאָס שיינע ליכטיקע פּאָנעם פלעגט ביי אים ווערן מיט אַ מאָל בלייך. (שאָלעם־אַליינעם.)

אַרבעט 52.

בייט איבער די זאַצן אין דער פּילמאָליקער פאַרגאַנגענער צייט:

יעדן זומער פאָר איך אין „קינדערלאַנד".
סאָרע גייט יעדן שאַבעס אין די מואוויס.
יאַנקל האָט ליב שטענדיק אַריינצופּאַלן יענעם אין די רייד.
פאַר יעדער קלייניקייט האָט ער זיך געכאַפּט שלאָגן.
ווען מיר גרייטן זיך צו אַן אַרויספאָר, הייבט אָן רעגענען.
ער לייענט יעדן טאָג אַ בוך. ער לייענט ניט, ער שלינגט די ביכער.
מיין טאַטע שטייט יעדן טאָג אויף זיבן אין דער פרי.

אַרבעט 53.

גיב די פּילמאָליקע פאַרגאַנגענע צייט פון:

זינגען, רעדן, מאַכן, שטיין, אויסלערנען.

אַרבעט 54.

פאַרענדיק דעם פּאַראַגראַף אין דער פּילמאָליקער פאַרגאַנגענער צייט:

פאַר אַ יאָרן פלעג איך זיין אַ ניוסענס. איך פלעג דעם לערער דערגיין די יאָרן. איך פלעג . . .

רעטענישן

אַ לעבעדיקער שלאָגט אַ טויטן, דער טויטער שרייט, און ס'הערט זיך ווייט.

האָט אַ קאָם און קאָן מיט אים ניט קעמען.

אַלעמען באַנייט עס, אַלעמען באַקליידט עס, און אַליין — גייט עס נאַקעט.

באַדינג־פאָרם

וועלוול זינגט.
יאַנקל **וואָלט** **געזונגען**,
ווען ער **וואָלט** **געקענט**.

נעכטן האָבן מיר זיך
געשליטלט.
היינט **וואָלטן** מיר **זיך** אויך
שליטלען, נאָר ס'איז ניטאָ קיין שניי.

> **וואָלט געזונגען, וואָלטן זיך שליטלען** — איז **באַדינג־פאָרם**. די באַדינג־פאָרם ווייזט, אַז די טואונג קען פאָרקומען נאָר ביי געוויסע באַדינגונגען.
>
> אין דער באַדינג־פאָרם קומט: דער הילפוועדב **וואָלט** + **פאַרטיציפ** (וואָלט געזונגען), אָדער **וואָלט** + **אינפיניטיוו** (וואָלט זינגען).
>
> אויב דער זאַץ באַשטייט פון צוויי טיילן, טיילט מען זיי אָפּ מיט אַ קאָמע.

אַרבעט 55.

שרייב איבער אַלע ווערבן, וואָס זיינען אין דער באַדינג־פאָרם אין דער פאָעמע.

זיצן, זיצן זיבן ווייבער

זיצן, זיצן זיבן ווייבער
ביי אַ קוואַל און ברונען,
ביי אַ קוואַל און ברונען.
זאָגט איינע צו דער אַנדערער:
— וואָלט מיין מאַן געקומען,
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט
פאַר אַ האָז,
וואָלט איך געשפרונגען
איבערן גראָז —
וואָלט מיר וואויל באַקומען.

זיצן, זיצן זיבן ווייבער
ביי אַ קוואַל און ברונען,
ביי אַ קוואַל און ברונען.
זאָגט איינע צו דער אַנדערער:
— וואָלט מיין מאַן געקומען,
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט
פאַר אַ קאַץ,
וואָלט איך געשפרונגען
איבערן פלאַץ —
וואָלט מיר וואויל באַקומען.

זיצן, זיצן זיבן ווייבער
ביי אַ קוואַל און ברונען,
ביי אַ קוואַל און ברונען.
זאָגט איינע צו דער אַנדערער:
— וואָלט מיין מאַן געקומען,
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט
פאַר אַ בין,
וואָלט איך געפלויגן
אַהער און אַהין —
וואָלט מיר וואויל באַקומען.

(פאָלקליד.)

בייגונג פון באַדינג־פאָרם

איך וואָלט געלייענט	איך וואָלט שרייבן
דו וואָלסט געלייענט	דו וואָלסט שרייבן
ער וואָלט געלייענט	ער וואָלט שרייבן
מיר וואָלטן געלייענט	מיר וואָלטן שרייבן
איר וואָלט געלייענט	איר וואָלט שרייבן
זיי וואָלטן געלייענט	זיי וואָלטן שרייבן.

אַרבעט 56.

בייג די ווערבן אין באַדינג־פאָרם:

לאַכן, אַרבעטן, בעטן, וועלן, זיך שעמען, זיין, זינגען.

אַרבעט 57.

פאַרענדיק די זאַצן; שטעל אַ קאָמע, וואו מ'דאַרף:

וואָלסטו נאָר געוואָלט, וואָלסטו שוין געהאַט פול פעסער מיט גאָלד.

ווען איך וואָלט געהאַט אַ סאַך געלט — — — — — — — — — — — — — —

ווען זי וואָלט ניט קראַנק געווען — — — — — — — — — — — — — —

ווען ניט די קעלט — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָלטן זיי בעסער פאַרשטיין — — — — — — — — — — — — — —

מיר וואָלטן לערנען — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — וואָלט מען זיך ניט בייזערן.

— — — — — אויב דו וואָלסט געקענט די פאָעמע.

— — — — — וואָלטן מיר געגאַנגען.

— — — — — וואָלסטו ניט פאַרשפעטיקט.

— — — — — וואָלט ער געוואוסט.

אַרבעט 58.

שרייב אַן אַ קאָמפּאָזיציע: „וואָס איך וואָלט געטאָן, ווען איך וואָלט געווען דער „אומגעזעענער מענטש".

אַרבעט 59.

זעץ איבער:

I would do it if I could.

If we had the money we would go to California.

If her friends were here she would also remain.

If I were the "Invisible Man" I would abolish poverty.

Don't you think you would have remembered your lesson had you taken notes?

באַפעל־פאָרם

קינדער, קומט! לאָמיר גיין!

זײַ גרייט!

לאָמיר אַלע זינגען!

> ווערבן, וואָס דריקן אויס אַ באַפעל, אַ וואונטש, אַ געבעט זײַנען אין דער **באַפעל-פאָרם**.

	אײנצאָל	מערצאָל
1.	לאָמיך גיין	לאָמיר גיין
2.	גיי	גייט
3.	זאָל ער גיין	זאָלן זיי גיין.

> די צווייטע פערזאָן אין דער באַפעל-פאָרם באַשטייט פון איין וואָרט.

באַמערק וועלכע הילפווערבן עס קומען אין דער ערשטער פערזאָן; וועלכע אין דער דריטער פערזאָן?

אַרבעט 60.

שרייב איבער די ווערבן אין דער באַפעל־פֿאָרם:

וואַרט, קינדער, לאָמיר אַלע זינגען!

שלאָף, מיין קינד, שלאָף!

זאָל טאָגן דאָרט, וואו ס'האָט נאָך ניט געטאָגט! (א. פעפער.)

זאָלן זיי אויפהערן דרייען אַ קאָפּ!

צעבלאָזט דאָס פייער, לאָמיר שמידן,
קאָלזמאַן דאָס אייזן איז נאָך הייס!

אָ, טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט! (י. ל. פּערעץ.)

לאָמיר זיך איבערבעטן,
לאָמיר גיין טאַנצן.
לאָמיר זיך איבערבעטן
און עסן פּאָמעראַנצן. (פאָלקליד.)

לאָמיר אַלע אין איינעם די קינדער מעקאַבל־פּאָנעם זיין.

אַרבעט 61.

גיב די באַפעל־פאָרם אין אַלע פּערזאָנען פון די פאָלגנדיקע ווערבן:

זינגען, טאַנצן, אָרגאַניזירן, לערנען, לעבן, אויפשטיין, אויפעפענען.

וואַכט אויף

ווי לאַנג, אָ ווי לאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן
און טראָגן די שענדלעכע קייט?
ווי לאַנג וועט איר גלענצנדע רייכטימער שאַפן
פאַר דעם, וואָס באַרויבט אייער ברויט?

ווי לאַנג וועט איר שטיין אייער רוקן געבויגן,
דערנידעריקט, היימלאָז, פאַרשמאַכט?
עס טאָגט שוין! וואַכט אויף! עפנט די אויגן!
דערקענט אייער אייזערנע מאַכט! (ד. עדלשטאַט.)

בייגונג פון ווערב

(קאָניוגאַציע)

אינפיניטיוו : לייענען   פּאַרטיציפּ : געלייענט

		איצטיקע צייט	פאַרגאַנגענע צייט		קומענדיקע צייט	
איינצאָל	1טע פּערזאָן	איך לייען	איך האָב	געלייענט	איך וועל	לייענען
	2טע פּערזאָן	דו לייענסט	דו האָסט		דו וועסט	
	3טע פּערזאָן	ער לייענט	ער האָט		ער וועט	
מערצאָל	1טע פּערזאָן	מיר לייענען	מיר האָבן		מיר וועלן	
	2טע פּערזאָן	איר לייענט	איר האָט		איר וועט	
	3טע פּערזאָן	זיי לייענען	זיי האָבן		זיי וועלן	

		פילמאָליקע פאַרגאַנגענע צייט		באַפעל־פאָרם	באַדינג־פאָרם	
איינצאָל	1טע פּערזאָן	איך פלעג	לייענען	לאָמיך לייענען	איך וואָלט	געלייענט אָדער לייענען
	2טע פּערזאָן	דו פלעגסט		לייען	דו וואָלסט	
	3טע פּערזאָן	ער פלעגט		זאָל ער לייענען	ער וואָלט	
מערצאָל	1טע פּערזאָן	מיר פלעגן		לאָמיר לייענען	מיר וואָלטן	
	2טע פּערזאָן	איר פלעגט		לייענט	איר וואָלט	
	3טע פּערזאָן	זיי פלעגן		זאָלן זיי לייענען	זיי וואָלטן	

אַנטאָנימען

און וואָס ניי איז ניט אַלט, און וואָס אָרעם איז ניט רייך,
און וואָס וואַרעם איז ניט קאַלט, און וואָס קרום איז ניט גלייך,
און וואָס קאַלט איז ניט וואַרעם און וואָס גלייך איז ניט קרום,
און וואָס רייך איז ניט אָרעם. דער וואָס רעדט איז ניט שטום.

(פאָלקליד.)

ניי—אַלט, וואַרעם—קאַלט, אָרעם—רייך — זיינען **קעגנזאַצן**.

ווערטער, וואָס האָבן אַ קעגנזעצלעכע באַדייטונג, זיינען **אַנטאָנימען**.

אַרבעט 62.

שרייב איבער און גיב צו אַנטאָנימען:

יונג	______	הויך	______	פריילעך	______
פריש	______	גרוים	______	ווייך	______
שטאַרק	______	ברייט	______	קליין	______
געזונט	______	טיף	______	לינקס	______
שיין	______	לאַנג	______	אינעווייניק	______
מוטיק	______	פיל	______	פאַמעלעך	______
געטריי	______	זויער	______	ביליק	______
ליכטיק	______	פריער	______	שמוציק	______
איידל	______	פריש	______	ניין	______
גוט	______	פייכט	______	פויל	______

אַרבעט 63.

שאַף אַנטאָנימען מיטן פּרעפיקס **אומ**--:

גליק	— אומגליק	גערעכט	______
צופרוי	______	באַשטימט	______
רו	______	געזונט	______
צופרידן	______	דירעקט	______
געוויינלעך	______	פּאַרטייאיש	______
רעכט	______	לעגאַל	______

רעוואָלוציע — קאָנטער-רעוואָלוציע
אָרגאַניזירן — דעזאָרגאַניזירן
באַוואָפּענען — אַנטוואָפּענען
מאָביליזירן — דעמאָביליזירן.

פּרעפיקסן: **קאָנטער, דעז, דע, אַנט** — שאַפן אַנטאָנימען.

פּרואוו צוטראַכטן נאָך אַנטאָנימען מיט די פּרעפיקסן:
קאָנטער, דעז, דע, אַנט.

אַרבעט 64.

שרייב אַ פּאַראַגראַף: „מילכאָמע און שאָלעם."
באַנוץ די אַנטאָנימען:

בויען—צעשטערן,	געלעכטער—געוויין,
שאַפן—פֿאַרניכטן,	לעבן—טויט,
פֿריינטשאַפֿט—סינע,	פֿרייד—טרויער,
האָפֿענונג—פֿאַרצווייפֿלונג,	פֿרייהייט—אונטערדריקונג.

אַז אַ נאַר וואַרפֿט אַ שטיין אין גאָרטן אַריין, קענען אים צען קלוגע ניט אַרויסנעמען.

קעגנזאַצן

טויזנטער בלישטשען היינט אָוונט די שטערן,
צירנדיק אויבן דעם הימל מיט פּראַכט;
דאָ אויף דער ערד בלישטשען אויגן מיט טרערן,
טרערן פון פּענעמער — שוואַרץ ווי די נאַכט.

טויזנטערוויז צווישן די בלעטער
פייגעלעך לוסטיק אויף ביימער אין וואַלד;
דאָ קרעכצן קראַנקע אויף שטיינער און ברעטער,
זיפצן געשפּענסטער אין מענטשן־געשטאַלט.

טויזנטערוויז בליען אין גאָרטן די בלומען,
געבנדיק פון זיך אַ ליבלעכן דופט;
דאָ וועלקן קינדערלעך דאַרבן, פאַרקומען,
קינדער פאַרשפּאַרטע אין פּעסטיקער לופט.

פייגעלעך זינגען, עס שמייכלען די שטערן,
און מיט ווינטעלע שפּילט זיך די בלום;
אַך, זיי, די גליקלעכע, קענען ניט הערן
זיפצנדיק מענטשן אַרום און אַרום.

(מ. ווינטשעווסקי.)

ווערבן מיט פּרעפיקסן

איך האָב **אויפגעהויבן** ביידע הענט אַרויף, **אויפגעעפנט** דאָס מויל און **אַריינגעצויגן** אין זיך די פּרישע, וואַרעמע לופט אַזויפיל, וויפיל איך האָב געקענט — און עס האָט זיך מיר **אויסגעדאַכט**, אַז איך וואַקס אין דער הויך, און עס ציט מיך אַרויף־אַרויף, אין דער טיפער־טיפער בלויער יאַרמעלקע אַריין, דאָרט, וואו די שיטערע וואָלקנס שוועבן, דאָרט, וואו די ווייסע פויגלען טוקען זיך, **באַווייזן** זיך און ווערן **פאַרשוואונדן** מיט אַ קוויטש און מיט אַ צוויטשער.

(שאָלעם־אַליינעם.)

גערויבן — אויף־געהויבן	געדאַכט — אויס־געדאַכט
געזויגן — אַריין־געזויגן	ווייזן — באַ־ווייזן

> אויף, אַריינ, אויס, באַ, אַוועק, אַריין — זיינען **פּרעפיקסן**.
> די פּרעפיקסן גיבן דעם ווערב אַ צוגאָב־באַדייטונג, אָדער גאָר אַן אַנדערע באַדייטונג.

דערקלער וואָס מיינט: פּרעפיקס, סופיקס, וואָרצל.

אַרבעט 65.

פאַרטייטש:

מאַכן	לאָזן	אַרבעטן
צומאַכן	**אָפּ**לאָזן	**אָפּ**אַרבעטן
אויפמאַכן	**פאַר**לאָזן	**באַ**אַרבעטן
נאָכמאַכן	**אַוועק**לאָזן	**איבער**אַרבעטן
איבערמאַכן	**נאָכ**לאָזן	**אַריינ**אַרבעטן
פאַרמאַכן	**צו**לאָזן	**אַרויפ**אַרבעטן

אַרבעט 66.

גיב צו די פּרעפיקסן צו די ווערבן אונטן: אַריינ, אַרויס, אַרויפ, אַראָפּ, פאַר, נאָכ.

טראָגן, וואַרפן, לאָזן, נעמען, יאָגן.

ווערבן מיט פּרעפיקסן אין פאַרגאַנגענער צייט

אַראָפּגיין — הערי איז **אַראָפּגעגאַנגען** אין גאַס.
אָנשרייבן — איך האָב **אָנגעשריבן** צוויי בלעטלעך.
אַוועקשיקן — וועלוול האָט **אַוועקגעשיקט** אַ בריוול צו זיין טאַטן.

> דער פּרעפיקס קומט אין דער פאַרגאַנגענער צייט פאַרן פּאַרטיציפּ, אין איין וואָרט:
> אַראָפּגעגאַנגען, אָנגעשריבן, אַוועקגעשיקט. (נאָר ווען דער פּרעפיקס ווערט אַקצענטירט.)

אַרבעט 67.

שטרייך אונטער די פּרעפיקסן אין דער פאַרגאַנגענער צייט:

וװי גרױס, ווי וואונדערבאַר ביסטו, נאַטור!
די פּערלען דיינע האָט דער מענטש געזוכט;
די אוצרעס דיינע האָט דער מענטש באַנוצט;
די קרעפטן דיינע האָט דער מענטש באַהערשט;
די סוידעס דיינע האָט ער אויסגעפאָרשט —
דו אָבער שטייסט נאָך אין דיין אַלטער פּראַכט,
באַדעקט מיט גלאַנץ אומענדלעך, ווי די צייט —
אַן אייביק-שטראַלנדע געהיימעניש!

(י. באָװשאָװער.)

אַרבעט 68.

שטעל צו דעם פּאַרטיציפּ:

אַראָפּלויפן ______	אָפּגעבן ______
אַריינקומען ______	אַריינפאַלן ______
אָנטרעפן ______	אַרויסקריכן ______
אַוועקשאַרן ______	אַרויפזעצן ______
צוטראַכטן ______	אַוועקפליען ______
אויפוואַקסן ______	אָפּציילן ______
איינשלאָפן ______	אָפּרעדן ______
נאָכלויפן ______	אָנשטעלן ______
אויפקומען ______	פאַרלייענען ______
אַריינברענגען ______	אַריינלייגן ______

אַרבעט 69.

שרייב איבער און פיל אויס די זאַצן. באַנוץ די ווערבן לינקס:

איך האָב ——— דעם שניי פון הויז.
דאָס יינגל האָט ——— אויף די פאַרבייגייער.
די פייגל זיינען ——— אין די וואַרעמע לענדער.
מיין אָנקל איז ——— אויף צוויי וואָכן.
פאַרוואָס האָט איר ——— די קינדער?
ער האָט ——— דאָס פענצטער.
די מיידלעך האָבן ——— די שטולן אין עסצימער.
מיר האָבן ——— גרינע עפּל פון די ביימער.
זי האָט ——— די נאַסע שיך פון די פיס.
מיר האָבן זיך ——— אין דער פינצטער.

אַוועקשאַרן
אַרויסקוקן
אַוועקפליען
אַוועקפאָרן
אַוועקטרייבן
אויפעפענען
אַריינשלעפּן
אַראָפּרייסן
אַראָפּנעמען
אַרומקוקן

אַרבעט 70.

טראַכט צו זאַצן אין דער פאַרגאַנגענער צייט:

אָנשרייבן	אַריינקלאַפּן	אָנזאַמלען	אויפשטיין
אָפּמעקן	צונעמען	אויסטראַכטן	אָנשרעקן

פרעפיקס אין איצטיקער צייט

ער האָט **אויפגעהאַנגען** אַ בילד
איך בין **איינגעשלאָפן**
זי האָט **איבערגעשריבן** די קאָמפּאָזיציע

ער **הענגט אויף** אַ בילד.
איך **שלאָף איין**.
זי **שרייבט איבער** די קאָמפּאָזיציע.

אין דער איצטיקער צייט קומט דער פרעפיקס נאָכן ווערב, ווי אַ באַזונדער וואָרט. (אויב דער אַקצענט איז אויפן פרעפיקס.)

איצטיקע צייט	פאַרגאַנגענע צייט
איך קום אָן	איך בין אָנגעקומען
דו קומסט אָן	דו ביסט אָנגעקומען
ער קומט אָן	ער איז אָנגעקומען
מיר קומען אָן	מיר זיינען אָנגעקומען
איר קומט אָן	איר זייט אָנגעקומען
זיי קומען אָן	זיי זיינען אָנגעקומען

קומענדיקע צייט	באַפעל-פאָרם
איך וועל אָנקומען	לאָמיך אָנקומען
דו וועסט אָנקומען	קום אָן
ער וועט אָנקומען	זאָל ער אָנקומען
מיר וועלן אָנקומען	לאָמיר אָנקומען
איר וועט אָנקומען	קומט אָן
זיי וועלן אָנקומען	זאָלן זיי אָנקומען.

אין דער צווייטער פערזאָן באַפעל-פאָרם, איינצאָל און מערצאָל, קומט דער פרעפיקס באַזונדער, נאָכן ווערב.

אַרבעט 71.

גיב צו אַן אַקצענטירטן פרעפיקס צו יעדן ווערב און בייג זיי אין 3 צייטן און אין באַפעל-פאָרם:

נעמען, האַלטן, רייניקן.

ר ע ב ו ס



אַרבעט 72.

שרייב איבער אין איצטיקער צייט:

ער האָט זיך אומגעשלעפּט איבער די גאַסן, מיד און מאַט.
מען האָט איינגעלאַדן אַלע פריינט.
זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען, צו פיר אין אַ ריי.
די מיידלעך האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און געטאַנצט.
די מאַמע האָט צוגעגרייט וועטשערע.
מען האָט נאָר אַרויסגערעדט אָט דאָס איינציקע וואָרט.

אַרבעט 73.

פיל אויס, אין צווייטער פּערזאָן, איינצאָל:

	איצטיקע צייט	פאַרגאַנגענע צייט	קומענדיקע צייט	באַפעל-פאָרם
אַרויפקומען				
אָפּרוען				
צוגרייטן				
אויסלערנען				
אויפהענגען				
אָנצינדן				
אויפהייבן				
אויפשטעלן				
אַוועקלייגן				

אַרבעט 74.

שרייב איבער די זאַצן אין איצטיקער און פאַרגאַנגענער צייט:

יאַנקל וועט איבערבלייבן אַליין אין הויז.
איך וועל צושליסן די טיר.
דו וועסט אָפּוואַשן דאָס פּאָנעם.
מיר וועלן אויפשטיין זייער פרי.
ער וועט אויסלערנען די פּאָעמע אויף אויסנווייניק.
מיני וועט אויפנייען אַ ניי קליידל.
איך וועל איבערלייענען דאָס גאַנצע בוך.

ניט־אַקצענטירטע פּרעפיקסן

ניט-אַקצענטירטע פּרעפיקסן	אַקצענטירטע פּרעפיקסן
פֿאַרמאַ׳כן	אוי׳פֿמאַכן
אַנטלוי׳פֿן	אַװע׳קלױפֿן
פֿאַרכאַ׳פּן	צו׳כאַפּן
באַטראַ׳כטן	אוי׳סטראַכטן
פֿאַרשטיי׳ן.	אוי׳פֿשטײן

לייען הויך די ווערטער.

באַמערק:

אין אַלע ווערבן אויף דער רעכטער זייט ווערט אַקצענטירט דער פּרעפיקס,

אין אַלע ווערבן לינקס ווערט אַקצענטירט דער וואָרצל, ניט דער פּרעפיקס.

אינפֿיניטיוו		פּאַרטיציפּ	אינפֿיניטיוו		פּאַרטיציפּ
אויפֿמאַכן	—	אויפֿגעמאַכט	פֿאַרמאַכן	—	פֿאַרמאַכט
אַוועקלויפֿן	—	אַוועקגעלאָפֿן	אַנטלויפֿן	—	אַנטלאָפֿן
צוכאַפּן	—	צוגעכאַפּט	פֿאַרכאַפּן	—	פֿאַרכאַפּט
אויסטראַכטן	—	אויסגעטראַכט	באַטראַכטן	—	באַטראַכט
אויפֿשטיין	—	אויפֿגעשטאַנען	פֿאַרשטיין	—	פֿאַרשטאַנען

ווען דער ווערב האָט אַ ניט-אַקצענטירטן פּרעפיקס, איז אין פּאַרטיציפּ ניטאָ דער פּרעפיקס גע.

אַרבעט 75.

שטעל צונויף זאַצן אין דער פֿאַרגאַנגענער צייט מיט די ווערבן:

באַגרייפֿן, פֿאַרפֿאַלן, באַהאַלטן, פֿאַרהערן, פֿאַריאָגן, פֿאַרטראַכטן, באַגריסן, פֿאַראייניקן.

אַרבעט 76.

גיב דעם פּאַרטיציפּ, צעשטעל אין 2 רייען — מיט גע און אָן גע:

אַרויסנעמען	פּאַרדרייען	פּאַרבלייבן	באַשרייבן
אָנטאָן	אויפדרייען	איבערבלייבן	איבערשרייבן
דערקלערן	אויסשטיין	פּאַרשליסן	אָפּציילן
אויפקלערן	באַשטיין	אויסשליסן	דערציילן
פּאַרטאָן	אָפּשטיין	באַזיגן	פּאַרלאָזן

איצטיקע צייט פון ווערבן מיט ניט־אַקצענטירטע פּרעפיקסן

אויפהאַלטן	באַהאַלטן
איך **האַלט אויף** די קינדער, זיי זאָלן זיך ניט צעלויפן.	איך **באַהאַלט** די ביכער אין שאַפע.
אויפשטעלן	**פּאַרשטעלן**
זיי **שטעלן אויף** הייזער.	זיי **פּאַרשטעלן** די זון.

> אין ווערבן מיט ניט־אַקצענטירטע פּרעפיקסן, בלייבט דער פּרעפיקס אין איצטיקער צייט פאַרן ווערב; עס קומט איין וואָרט.

אַרבעט 77.

בייג אין אַלע פּערזאָנען, אין דריי צייטן און אין באַפעל־פאָרם די ווערבן:

אָנקומען, באַקומען, פּאַרטרייבן, אַרויסטרייבן.

אַרבעט 78.

שרייב אָן אין איצטיקער צייט, ערשטע פּערזאָן, איינצאָל:

איבערבלייבן	אַרויפצווינגען	אויסשרייען	אָפּאַרבעטן
פּאַרשליסן	צעטיילן	צערייסן	פּאַרלאָזן
באַזיגן	פּאַרוויגן	באַאַרבעטן	אַרויסשטעלן

אַרבעט 79.

שרייב אָן דיזעלביקע ווערבן אין דער צווייטער פּערזאָן, באַפעל־פאָרם.

בייגונג פון ווערבן מיט פּרעפיקסן

	אינפיניטיוו: אויפשטיין	אינפיניטיוו: פאַרשטיין
	פּאַרטיציפּ: אויפגעשטאַנען	פּאַרטיציפּ: פאַרשטאַנען
איצטיקע צייט	איך שטיי אויף	איך פאַרשטיי
	דו שטייסט אויף	דו פאַרשטייסט
	ער שטייט אויף	ער פאַרשטייט
	מיר שטייען אויף	מיר פאַרשטייען
	איר שטייט אויף	איר פאַרשטייט
	זיי שטייען אויף	זיי פאַרשטייען
פאַרגאַנגענע צייט	איך בין אויפגעשטאַנען	איך האָב פאַרשטאַנען
	דו ביסט "	דו האָסט "
	ער איז "	ער האָט "
	מיר זיינען "	מיר האָבן "
	איר זייט "	איר האָט "
	זיי זיינען "	זיי האָבן "
קומענדיקע צייט	איך וועל אויפשטיין	איך וועל פאַרשטיין
	דו וועסט "	דו וועסט "
	ער וועט "	ער וועט "
	מיר וועלן "	מיר וועלן "
	איר וועט "	איר וועט "
	זיי וועלן "	זיי וועלן "
באַפעל-פאָרם	לאָמיך אויפשטיין	לאָמיך פאַרשטיין
	שטיי אויף	פאַרשטיי
	זאָל ער אויפשטיין	זאָל ער פאַרשטיין
	לאָמיר אויפשטיין	לאָמיר פאַרשטיין
	שטייט אויף	פאַרשטייט
	זאָלן זיי אויפשטיין.	זאָלן זיי פאַרשטיין.

צו — צע

צו׳טראָגן

מיר ווען דיר צוטראָגן אַ מאַטאָנע.

מיר האָבן צוגעטראָגן.

מיר טראָגן צו.

מיר ווען צוטראָגן.

צעטראָ׳גן

מיר ווען צעטראָגן די ציימונגען.

מיר האָבן צעטראָגן.

מיר צעטראָגן.

מיר ווען צעטראָגן.

ווען דער פּרעפיקס איז אַקצענטירט, שרייבט מען **צו**.
ווען דער פּרעפיקס איז ניט־אַקצענטירט, שרייבט מען **צע**.

אַרבעט 80.

שטרייך אונטער די ווערבן מיט פּרעפיקס צע.

די זון האָט פאַרשלאָפן

ס׳האָט די זון, די ליבע זון,
אַ ביסעלע פאַרשלאָפן היינט.
ווי, וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן!
ס׳האָט דער הימל זיך צעוויינט.
ס׳האָבן ווינטן זיך צעיאָמערט,
רעגנס האָבן זיך צעשפּריצט.
ס׳האָבן דונערס זיך צעדונערט,
ס׳האָבן בליצן זיך צעבליצט.

ס׳האָבן כוואַליעס זיך צעהוליעט,
זיך צעשפּריצט מיט ווייסן שוים.
ס׳האָבן פייגל זיך געטוליעט
אין די נעסטן, אויפן בוים.
ס׳האָט זיך אַלץ אַ ריר געטאָן.
אַ קלייניקייט, וואָס ס׳האָט
געטראָפן!
ס׳האָט די זון, די ליבע זון,
אַ ביסעלע זיך היינט פאַרשלאָפן...
(ש. וואַסערמאַן.)

אַרבעט 81.

בייג די ווערבן: צונעמען און צענעמען אין דער איצטיקער צייט.
״ ״ ״ ״ ״ ״ אין דער פאַרגאַנגענער צייט.
״ ״ ״ ״ ״ ״ אין דער באַפעל־פאָרם.

אַרבעט 82.

שטעל אַריין **צו** אָדער **צע**:

איך וועל —— שטעלן אַ בענקל צום טיש.
קינדער, —— שטעלט זיך אין אַ ריי.
מוישע וויל —— קלאַפּן דעם הענגער.
איך האָב זיך —— קלאַפּט דעם פינגער.
לאָמיר זען ווער ס׳וועט שנעלער —— לויפן צום בערגל.
פאַרוואָס —— לויפט איר זיך?
איך וועל פון אים —— נעמען דעם פּאַק.
זיי וועלן נאָך —— נעמען די ווענט.
ער האָט ביי מיר —— געכאַפּט דעם באַל.
זיי —— כאַפּן די קיכלעך פון אונטער די הענט.

אַרבעט 83.

נעם אַרויס די ווערבן פון די ווייטערדיקע פערזן, גיב צו הילפוווערב, אינפיניטיוו און פאַרטיציפּ. שטעל זיי אויס לויט דעם מוסטער:

סימכע האָט געאַרבעט ביי שלעסער פאַרשיידענע.
איז געווען אַ סאַך אַרבעט, האָט אים געהאָלפן זיין יידענע.
(י. קאָטלער.)

ווערב	הילפוווערב	אינפיניטיוו	פאַרטיציפּ
האָט געאַרבעט	האָט	אַרבעטן	געאַרבעט
איז געווען	איז	זיין	געווען
האָט געהאָלפן	האָט	העלפן	געהאָלפן

דער זיידע האָט קינדוייז זיך קיין מאָל געשפּילט,
דער זיידע האָט קינדוייז קימאַט ניט געלאַכט,
און פרי האָט דער זיידע זיין יוגנט פאַרשפּילט,
פאַרשפּילט ווי אַ שווערע, אַ בלוטיקע שלאַכט!
זיין קענגער געווען איז די פינצטערע נויט,
זי האָט ניט דערלאָזן צו פרייד און צו ברויט.
(ה. בלאָשטיין.)

אוי, מאַמע, מיין מאַמע, דו האָסט דאָך געהערט
פון באַנען, וואָס יאָגן זיך אונטער דער ערד.
פאַרטאָג שלעפּט די באַן פון געלעגער אַרויס
און שפּעט אויף דער נאַכט ברענגט זי ווידער אין הויז.
(מ. ל. האַלפּערן.)

סינאָנימען

אַרבעט 84.

פאַרגלייך די צוויי פּאַראַגראַפֿן:

א.

מיר האָבן אַ לאַנגע צייט **גע־רעדט** און **אַרומגערעדט** אַ סאַך זאַכן, וואָס אינטערעסירן אונדז. איך האָב ליב צו **רעדן** מיט כייעמען. ער ווייס וואָס ער **רעדט** און **רעדט** ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

אַז מיר צעקריגן זיך אַמאָל, און איך פאַנג אָן **רעדן** מיט אים זייער הייס, **רעדן** אויף אַ קאָל, נעמט מיך כייעם אָן פאַר דער האַנט, זעצט מיך אַוועק און **רעדט** מיט מיר זייער קלאָר און זייער קורץ.

כייעם ווייס אַלע מאָל, וואָס ער וויל **רעדן**, און איך צעטומל זיך און **רעד** גלאַט אַזוי זיך, וואָס ס'פאַלט מיר איין.

ב.

מיר האָבן אַ לאַנגע צייט **גע־שמועסט** און **אַרומגערעדט** אַ סאַך זאַכן, וואָס אינטערעסירן אונדז. איך האָב ליב צו **דיס־קוטירן** מיט כייעמען. ער ווייס וואָס ער **רעדט** און **פּלאַפּלט** ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

אַז מיר צעקריגן זיך אַמאָל, און איך פאַנג אָן **דעבאַטירן** מיט אים זייער הייס, **שרייען** אויף אַ קאָל, נעמט מיך כייעם אָן פאַר דער האַנט, זעצט מיך אַוועק און **טייַנעט** מיט מיר אײַן זייער קלאָר און זייער קורץ.

כייעם ווייס אַלע מאָל וואָס ער וויל **זאָגן**, און איך צעטומל זיך טיילמאָל און **פּלוידער** גלאַט אַזוי זיך, וואָס ס'פאַלט מיר איין.

> סינאָנימען מאַכן די שפּראַך רייכער און בילדלעכער (פּאַראַ־גראַף ב). סינאָנימען דריקן אויס פאַרשיידענע גראַדאַציעס פון אַ וואָרט (לערנען, שטודירן, פאָרשן).

אַרבעט 85.

גראַדיר די פאָלגנדיקע סינאָנים־גרופּעס:

א)	ב)	ג)	ד)
פאַרלאַנגען	באַפעלן	גערדאַנק	אויסלערנען
באַגערן	בעטן	איבערצייגונג	באַגרייפן
ווען	פאָדערן	מיינונג	פאַרשטיין

אַרבעט 86.

שטעל אַריין די פאָלגנדיקע סינאָנימען:

שפּאַנען, טרעטן, גיין, מאַרשירן, לויפן, באַוועגן זיך, שלעפּן זיך.

מיר זיינען סאָלדאַטן און מיר מוזן ——— . טאָג־איין טאָג־אויס ——— מיר און ——— . וואוהין ——— מיר? די ערד איז בלאָטיק. מיר זיינען מיד. קוים וואָס מיר ———, קוים וואָס עס ——— אונ־דזערע מידע פיס, זיי ——— אין דער ווייכער בלאָטע און גליטשן זיך.

אַרבעט 87.

שרייב אָן אַ קאָמפּאָזיציע מיט איינער פון די סינאָנים־גרופּעס:

א) קלוגער, כאַכעם, ווייסער, קענער, געלערנטער, געבילדעטער.
ב) נאַר, גוילעם, לעקיש, אידיאָט, שוטע.
ג) דענקען, טראַכטן, קלערן, מיינען, גלויבן.

ר ע ט ע נ י ש ן

העכער ווי אַ הויז, זיס ווי צוקער,
קלענער ווי אַ מויז, ביטער ווי גאַל.

ניט קיין העמד — און דאָך גענייט.
ניט קיין בוים — און פול מיט בלעטער.
ניט קיין מענטש — און רעדט צו דער זאַך.

אַליין בין איך אָרעם און דעם צווייטן מאַך איך רייך.

ווייס ווי שנייי, גלאַטיק ווי אַן איי,
קוקסטו זיך צו, זעסטו צוויי.

נאַדיר עפּעס און גיב מיר עס צוריק,
צו וואָס עס בלייבט לייג צו אַ לאַמעד
און עס געזונטערהייט.

ווערבן מיט „זיך"

מיר **טרעפן זיך** יעדן טאָג.

יאַנקל **כאַפּט זיך אויף** פון שלאָף.

> ווערבן מיטן וואָרט **זיך** באַטייטן אַ טואונג, וואָס קערט זיך אום אויפן טוער (**רעפלעקסיווע** ווערבן). **זיך** שרייבט מען שטענדיק ווי אַ באַזונדער וואָרט. (טרעפט זיך, באַגייט זיך.)

אַרבעט 88.

שטרייך אונטער די ווערבן מיט „זיך":

די קונדייסים האָבן געכאַפּט אַ ציטער און זיך צעלאָפן. הערשעלע איז אויך אַנטלאָפן און זיך געשטעלט קוקן פון דאָרט אויף זיין כוילע. אַ היפשע צייט האָט ער, נעבעך, זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, שרייענדיק אַלץ אין איין קאָל: עס ברענט! עס ברענט! דערנאָך איז ער ווי סע איז אויפגעשטאַנען און האָט מיט אַ יאָמער, אַ קלאָג זיך געלאָזט גיין זיין וועג, הינקענדיק שטאַרק אויף דעם רעכטן פוס.

(מענדעלע מוכער ספרים.)

אַרבעט 89.

שרייב צו:

איך וואַש זיך	מיר —— ——
דו —— ——	איר —— ——
ער —— ——	זיי —— ——

אַרבעט 90.

שרייב „וואַשן זיך" אין פאַרגאַנגענער און אין קומענדיקער צייט.

אַרבעט 19.

שרייב זאַצן מיט די פאָלגנדיקע ווערבן. קענסט באַנוצן וועלכע פּערזאָן און צייט דו ווילסט:

טרעפן — זיך טרעפן	באַליידיקן — זיך באַליידיקן
באַהאַלטן — זיך באַהאַלטן	באַגריסן — זיך באַגריסן
אַרויסדרייען — זיך אַרויסדרייען	אָפּנאַרן — זיך אָפּנאַרן
באַטראַכטן — זיך באַטראַכטן	כאַפּן — זיך כאַפּן
פאַרשרייבן — זיך פאַרשרייבן	נעמען — זיך נעמען

ייִדיש	ענגליש
זיך אײַלן	Hurry.
זעצן זיך	Sit down.
איך וואַש זיך די הענט	I wash my hands.

אַרבעט 92.

זעץ איבער:

I suddenly awoke from my sleep.
She combed her hair.
Why don't you sit down and get ready to work?
Wash your face, Bill, it'll do you good.
I want to warm my hands.
She wiped the tears from her eyes.
No, we didn't hit each other, we didn't even quarrel.
He cut his finger.
Stand up and look around.
Lie down and rest a while.

באַשרײַבנדיקע ווערבן

ער גיט אַ שפּרונג. ער איז מיך מעקאַנע.
ער טוט אַ לויף. ער האָט מוירע.

וואָס איז דער אינפיניטיוו פון די ווערבן?

> אַ **באַשרײַבנדיקער ווערב** איז אַ ווערב וואָס זײַן אינפיניטיוו באַשטייט פון אַ **הילפֿווערב + אַ וואָרט אָדער ווערטער**, ניט קיין ווערבן. (מעקאַנע זײַן, מוירע האָבן, געבן אַ שפּרונג.)

אַרבעט 93.

שרײַב אַרויס די באַשרײַבנדיקע ווערבן:

אוי, ווי שפּעט.

איך גיב זיך אַ כאַפּ אויף, איך טו אַ קוק אויפֿן זייגער: עס איז שוין האַלב נאָך נײַן. „אוי, ווי שפּעט", רוף איך אויס. איך טו אַ כאַפּ אויף זיך די קליידער, גיב זיך אַ וואַש און לויף אין מיטלשול. „נעם כאַטש אַ ביסן, איידער דו גייסט", רופֿט מיר נאָך די מאַמע. איך האָב

ניט קיין צייט אַפּילע אַ קוק צו טאָן אויפן פרישטיק. אין גאַס נעם איך שפּרייזן, שטעלן פיס. „איך זאָל נאָר ניט דאַרפן וואַרטן אויף דער באַן", טראַכט איך. געקומען צו דער סטאַנציע, וויל איך אַ פלי טאָן כאַפּן די באַן. האָב איך ניט קיין ניקל אין קעשענע. וואָס טוט מען?

איך טו אַ לאַך	איך האָב כאַראָטע
דו טוסט אַ לאַך	דו האָסט כאַראָטע
ער טוט אַ לאַך	ער האָט כאַראָטע
מיר טוען אַ לאַך	מיר האָבן כאַראָטע
איר טוט אַ לאַך	איר האָט כאַראָטע
זיי טוען אַ לאַך	זיי האָבן כאַראָטע.

בײַ באַשרייבנדיקע ווערבן בייגט מען נאָר דעם הילפווערב.

אַרבעט 94.

בייג די ווערבן: „כאַראָטע האָבן" „אַ לאַך טאָן" אין אַלע צייטן, אין באַפעל־פאָרם און אין באַדינג־פאָרם.

אַרבעט 95.

מאַך פון די פאָלגנדיקע ווערבן באַשרייבנדיקע; באַנוץ די הילפווערבן: טאָן, געבן, כאַפּן.

זאָגן — אַ זאָג טאָן	שמייכלען ________	שרייען ________
שפּילן ________	וואַרפן ________	ציטערן ________
לויפן ________	קוקן ________	פּאַטשן ________
קלאַפּן ________	פאָרן ________	רירן זיך ________
שרייבן ________	גלעטן ________	נעמען ________

אַרבעט 96.

גיב צו הילפווערבן און שאַף באַשרייבנדיקע ווערבן:

מאַסקים	יויצע	כיישעק	כאַסענע
כוישעד	מוידע	פּאַראַיבל	אַכטונג
נויקעם	מויכל	ליב	ראַכמאָנעס.

פּאַסיווע ווערבן

א) מען האָט געשריבן אַ בריוו.
מען באַהאַנדלט די פראַגע.

ב) אַ בריוו איז **געשריבן געוואָרן.**
די פראַגע **ווערט באַהאַנדלט.**

וואו איז „בריוו" און „פראַגע" סוביעקט, וואו — אָביעקט פון זאַץ?

אַ **פּאַסיווער ווערב** באַצייכנט אַ טואונג, וואָס גייט אַריבער אויפן אָביעקט פון זאַץ.

אַ פּאַסיווער ווערב באַשטייט פון הילפסווערב **ווערן** + **פּאַרטיציפּ.**

אַרבעט 97.

שטרייך אונטער די פּאַסיווע ווערבן:

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געיאָגט און פאַרפאָלגט —
און אַלץ דערפאַר, ווייל מיר ליבן
דאָס אָרעמע, שמאַכטנדע פאָלק.
מיר ווערן דערשאָסן, געהאַנגען,
מען רויבט אונדז דאָס לעבן און רעכט,
דערפאַר ווייל מיר עמעס פאַרלאַנגען
און פרייהייט פאַר אָרעמע קנעכט.

(דאָוויד עדלשטאַט.)

אַרבעט 98.

שרייב איבער די זאַצן אין פּאַסיוו:

מען האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן כאַר.
מען דאַרף איינשטעלן אַ בעסערע דיסציפּלין.
מען האָט אָנגענומען אַן איינשטימיקן באַשלוס.
מען האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם באַריכט.

מען דאַרף אויסלערנען די פּאָעמע אויף אויסנווייניק.
מען גרייט צו אַ שול-קאָנצערט.
ביכער דאַרף מען האַלטן ריין.

אַרבעט 99.

דערשרייב:

איצטיקע צייט	פאַרגאַנגענע צייט	קומענדיקע צייט
איך ווער גערופן	איך בין גערופן געוואָרן	איך וועל גערופן ווערן
דו		
ער		
מיר		
איר		
זיי		

באַר-קאָכווע האָט אָנגע-פירט דעם אויפשטאַנד קעגן רוים.

דער אויפשטאַנד קעגן רוים איז **אָנגעפירט געוואָרן דורך באַר-קאָכווע.**

דער סוביעקט ווערט אַן אָביעקט ווען מען מאַכט פון אַן אַקטיוון ווערב אַ פּאַסיוון.

זעץ איבער די זאַצן פון ביישפּיל אין ענגליש. וואָסער פּרעפּאָזיציע קומט אין ענגליש פאַרן אָביעקט ביי אַ פּאַסיוון ווערב?

געדענק!

אין יידיש קומט ביי אַ פּאַסיוו די פּרעפּאָזיציע „פון" אָדער „דורך" (ניט „ביי").

אַרבעט 100.

זעץ איבער:

Tom Sawyer was written by Mark Twain.
The coat was torn by the boy.
The decorations are made by the children.
The strike was won by the workers.
An invitation to the party was sent to me by my friend.
A meeting is called by the student council of our school.
A school journal is being published by the students.

דער סובסטאַנטיוו

אויף יענער זייט יאַם איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערשע פיסלעך אַ הייזל אין טאָל,
געשטאַנען זיך פּראַסט, אָן אַזעס, אָן שטאַלן,
אָן פּוצעכץ, אָן צירונג — פון ליים און פון האַלץ.
אַ פענצטער אַ קליינטשיקס, נאָר כיינעוודיק האַלט,
די זון — זי באַשיט עס מיט טאָג־טעגלעך מיט גאָלד.
לעוואָנע און שטערן
פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן. (י. ל. פּרעץ.)

> ווערטער, וואָס באַצייכענען זאַכן (טיש, ליכט, האַנט), מענטשן (כייעם, מאַלי, ציפּע, בעני), טואונגען (אַרבעט, שרייבערייַ), צושטאַנדן (קראַנקהייט, בראַווקייט) — זיינען סובסטאַנטיוון.
> [סובסטאַנטיוו איז אין ענגליש noun.]

אַרבעט 101.

שרייב אַרויס אַלע סובסטאַנטיוון :

נאָרט־דאַקאָטע

אייזיק האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן. די ערד — פּלאַך און באַדעקט מיט שניי. קיין איין בוים ניט. מיילן און מיילן איידער מען דערזעט אַ שטוב פאַרגראָבן טיף אין שניי. רויט־געפאַרבטע שטיבער, נידעריקע ביי דער ערד. הויכע וואַסער־מילן און גרויסע שטאַלן. און דאָס אַלץ אַזוי ווייט פון די באַן־רעלסן. פון צייט צו צייט אַ סטאַנציע, מיט אַ קליין געסל מיט שטיבלעך דערביי. די באַן בלייבט שטיין אויף אַ מינוט צוויי. אַלץ וואָס אייזיק קאָן פאַרכאַפּן מיט זיין אויג איז אַ קוזניע מיט דעם צעבלאָזענעם פלאַם און דאָס קלינגען פונעם האַמער. פון ביידע זייטן פון דער באַן־ליניע, צוויי טיפע שניטן אין שניי און צייטנווייז באַגעגענען זיך צוויי הויכע בערג מיט שניי פון ביידע זייטן, וועלכע פאַרשטעלן פאַר דער באַן די גאַנצע וועלט.
וואָס וועט ער איצט טאָן אין אַזאַ שניי אויפן ראַנדזש, האָט אייזיק ניט געקאָנט וויסן. (א. ראַבאָי.)

דער אַרטיקל

1. **אַן** עפּל איז רויט.
2. **דער** אַרבעטער אַרבעט.
3. **די** מאַמע איז אויפֿן מיטינג
4. **דאָס** טישל איז צעבראָכן.
5. **די** פֿאַבריקן זיינען אַלע פֿאַרשלאָסן.

אַ, אַן, דער, די, דאָס — זיינען אַרטיקלען.
דער, די, דאָס — זיינען באַשטימיקע אַרטיקלען.
אַ, אַן — זיינען אומבאַשטימיקע אַרטיקלען.

אַרבעט 102.

שרייב אַרויס אַלע סובסטאַנטיוון מיט באַשטימיקע אַרטיקלען באַזונדער און מיט אומבאַשטימיקע באַזונדער:

דער שניידער

די שטוב איז קליין, די שטוב איז אַלט,
אין יעדן ווינקל מיסט און קויט.
ס'איז פֿינצטער, אומעטיק און קאַלט,
אַ קראַנקער שניידער זיצט און נייט.
דער שניידער נייט,
די נאָדל גייט,
דער מויעך דרייט —
ס'איז גרויס די נויט,
ניטאָ קיין ברויט, ניטאָ קיין ברויט.

דאָס פּאָנעם געל, פֿאַרזאָרגט, פֿאַרטראַכט;
די נאָדל רודערט טאָג און נאַכט.
פֿון צייט צו צייט אַ פּוסטער הוסט
האַלט אויף די האַנט, רייסט אויף די ברוסט.
דער שניידער נייט, א. אַז. וו.

אין שטוב איז אומעטיק און פּוסט;
פֿון וויג אַ זיפֿץ, פֿון בעט אַ הוסט.
אַ קליינטשיק לעמפּל ברענט זיך שוואַך,
אַ דראָבנער רעגן קלאַפּט אין דאַך.
דער שניידער נייט, א. אַז. וו. (ש. אַנסקי.)

אַ, אַן

1. אַ קאַטשקע, אַ גאַנדז און אַ טויב זיינען אַוועק אויף אַ שפּאַציר.
2. אַן אַלטער האָט געטראָגן אַן אינדיק אױף אים געדרייט ביי אַן אויער.
3. אַ יינגל מאַרשירט און פּויקט, לויפט אים נאָך אַ הינטל.

> שרייב **אַן** (ניט אַ) ווען דאָס וואָרט וואָס קומט נאָך דעם הייבט זיך אָן מיט אַ וואָקאַל.
> **געדענק**: הי און יוד זיינען קאָנסאָנאַנטן. פאַר זיי שרייבט מען **אַ** (ניט אַן).

אַרבעט 103.

שטעל אַריין דעם ריכטיקן אומבאַשטימיקן אַרטיקל צו די פאָלגנדיקע סובסטאַנטיוון:

1.

אַרמיי	העלפאַנט
יאַם	יינגל
אַרטיקל	אָקס
אייזן	אָרעם
אויוון	אַמעריקאַנער
האַמער	יאַנטעוו
אָרעם	אָרט
אומגליק	עמער
האָן	העזל
אויג	הויז
יאַט	איי.

2. קאַלטער טאָפּ
אַלטער מאַן
יונגער בוים
עמעסע מייסע
הייסער אויוון
אייזערנער לעפל
אונטערדריקט פאָלק.

אַ ליגנער, אַז ער זאָגט אַן עמעס,
גלייבט מען אים אויך נישט.

אומבאַשטימיקער אַרטיקל קיין

1. כייעם, האָסט אָנגעשריבן אַ קאָמפּאָזיציע? ניין, איך האָב **ניט** אָנגעשריבן **קיין** קאָמפּאָזיציע.
2. דער באַלעבאָס האָט אַ שיינע היים — דער אַרבעטלאָזער האָט **ניט** **קיין** היים.
3. עס גייען מענטשן אין גאַס — עס גייען **ניט קיין** מענטשן אין גאַס.
4. ביסט שוין דרייצן יאָר? ניין, איך בין נאָך **ניט קיין** צוועלף.

> אין אַ נעגאַטיוון זאַץ (ווען דער ווערב קומט מיט „ניט") נוצט **קיין**:
>
> 1. אַנשטאָט דעם אומבאַשטימיקן אַרטיקל אַ אָדער אַן.
> 2. פֿאַר אַ מערצאָל סובסטאַנטיוו אָן די.
> 3. פֿאַר אַ צאָלוואָרט.

אַרבעט 104.

גיב די פֿאָלגנדיקע זאַצן אין דער נעגאַטיווער פֿאָרם און שטעל אַריין קיין, דאָרט וואו מען דאַרף:

1. געווען אַ פֿראָש אין אַ גרין סאַמעט קלייד,
מיט אַ ווייס שירצל פֿון פֿאָרנט פֿאַרשפּרייט.
(יעהויאָש.)
2. דער פֿראָש האָט געגעבן אַ זונג און אַ שפּרונג.
3. איך וואוין אין דעם הויז.
4. ער איז אַ גוטער שילער.
5. האָסטו פֿאַרלוירן דיין בוך?
6. דערצייל מיר אַ מייסע.
7. איך האָב דריי דאָלער.
8. מיר האָבן געקויפֿט העפֿטן און ביכער.
9. ער האָט איבערגעלייענט צוואַנציק זייטן פֿון בוך.
10. איר זייט שלעכטע קינדער.

נאָך וועגן קיין

He has NO work. — ער האָט ניט קיין אַרבעט.

He is NOT A good student. — ער איז ניט קיין גוטער שילער.

I haven't ANY ink. — איך האָב ניט קיין טינט.

> גערענק: ווען דו זעצסט איבער אַן ענגלישן נעגאַטיוון זאַץ, זאָלסטו no, not a, not any מיט אַ סובסטאַנטיוו איבער־זעצן אויף קיין.
> [אין ענגליש קען מען ניט נוצן קיין טאָפּלטן נעגאַטיוו, אין יידיש **דאַרף** מען נוצן צוויי נעגאַטיוון: איך האָב **ניט קיין** געלט.]

אַרבעט 105.

זעץ איבער פון ענגליש:

1. You are no fool, Moishe.
2. I did not give him a book.
3. She has no coat.

.4 Elephants do not eat ice-cream.

5. There are no spots on my book.
6. The mother had no milk for her child.
7. I had no difficulty.
8. The man had no work.
9. She has not any buttons on her coat.
10. What, no stories today?

> **זיי מיר ניט קיין פעטער,**
> **און קויף מיר ניט קיין שיך.**

סינאָנימען

אַרבעט 106.

שטעל אריין די פאָלגנדיקע סינאָנימען, וואו זיי פּאַסן זיך צום בעסטן:

שוואַך, ניט מיט אַלעמען, קראַנק, פאַרביי, געפערלעך.

כייעם האָט געזאָגט, אַז ער פילט זיך עפּעס ——, ער איז ניט —— נאָר ער פילט זיך ——. דער דאָקטער איז געקומען, אים באַטראַכט און געזאָגט, אַז ער איז ——, ער איז —— האָט ער געזאָגט.

אַרבעט 107.

גראַדיר די פאָלגנדיקע גרופּעס סינאָנימען לויט זייער שטאַרקייט:

1. בונט, סטרייק, אויפשטאַנד, קאַמף, שטרייט.
2. מיד, מאַט, פאַרמוטשעט, פאַרמאַטערט, אויסגעשעפּט, פאַרהאָרעוועט.
3. ליידן, ווייטיק, טרויער, יעסורים, פּיין.

אַרבעט 108.

קלייב צו דעם פּאַסיקן סינאָנים צו יעדן זאַץ:

1. א) דער סוינע האָט געליטן אַ גרויסע ——— | דורכפאַל
ב) זיין עקספּערימענט איז געווען אַ ——— | צוריקטריט
ג) זיי זיינען געווען געצוואונגען צו מאַכן אַ — | מאַפּאָלע

2. א) ער האָט זיך קיין שום — ניט אויסגעלערנט. | אַרבעט
ב) קיין ——— איז פאַר אים ניט שווער געווען. | מעלאָכע
ג) אומזיסט דיין ——, יאַנקל. | פּראַצע
ד) ווי האַלט איר אוים אַזאַ שווערע ———? | מי

אַרבעט 109.

זעץ איבער די פאָלגנדיקע סינאָנימען:

1. Master
Ruler
Lord
King
Despot

2. Exploit
Oppress
Rob
Usurp
Enslave

דער באַשטימיקער אַרטיקל

אַ טאַטע	**דער** טאַטע
אַ מאַמע	**די** מאַמע
אַ קינד	**דאָס** קינד.

1. דער אומבאַשטימיקער אַרטיקל בלייבט אַלע מאָל דער זעלבער — **אַ**. דער באַשטימיקער אַרטיקל האָט 3 פאָרמעס: **דער, די, דאָס.**
2. אַלע סובסטאַנטיוון אין יידיש טיילן זיך אויף 3 מינים (מין איז אין ענגליש gender): **דער** — 1טער מין; **די** — 2טער מין, **דאָס** — 3טער מין.

אַ בוך	ביכער
דאָס בוך	**די** ביכער.

געדענק: דער אומבאַשטימיקער אַרטיקל **אַ** האָט ניט קיין מערצאָל.
די מערצאָל פון די באַשטימיקע אַרטיקלען — **דער, די, דאָס** — איז **די**.

אַרבעט 110.

גיב אין מערצאָל:

דער זייגער שטייט.	ברודער, וואו ביסטו?
אַ מענטש גייט.	דאָס קינד לערנט.
דער אַרבעטער אַרבעט.	אַן עפּל איז רויט.
אַ הונט בילט.	קינד, וואוהין גייסטו?
די פרוי לאַכט.	כאַוועה, העלף מיר.

אַ שלימאַזל אַז ער פאַלט אין שניי,
צעקלאַפּט ער זיך אויך די נאָז.

דער מין

1. **דער** טאַטע אַרבעט. — **די** מאַמע וואַשט.
2. **דער** ברודער לערנט. — **די** שוועסטער מאָלט.
3. **דער** אָקס אָקערט. — **די** קו גיט מילך.
4. **דער** האָן קרייט. — **די** הון לייגט אַן איי.

נעמען פון לעבעדיקע זאַכן פון מענלעכן געשלעכט געהערן צום ערשטן מין (דער), פון ווייבלעכן געשלעכט — צום צווייטן מין (די).

אַרבעט 111.

שטעל אַריין דעם ריכטיקן אַרטיקל:

1. — פעטער
2. — קוזינע
3. — כאַווערטע
4. — אַרבעטער
5. — לייב
6. — ציג
7. — באָבע
8. — קוזין
9. — מומע
10. — קאַטער
11. — זיידע
12. — קאַץ
13. — מאַן
14. — לייביכע
15. — פרוי
16. — גאַנדז
17. — שווער
18. — שוועגערין
19. — קאַפּיטאַן
20. — ראָוו
21. — איידעם.

אַ פערד בלייבט אַ פערד

— ווי זאָגט מען: דער פערד, די פערד אָדער דאָס פערד?

— וואָס איז דער אונטערשייד? אַ פערד בלייבט אַ פערד.

ווי אַזוי מען פֿאָרמירט דעם צווייטן מין

1. מיין לערערין איז מיין **כאַווערטע**.
2. עמאַ לאַזאַרוס איז געווען אַ באַרימטע **דיכטערין**.

> קעדיי צו פֿאָרמירן דעם צווייטן מין (ביי מענטשן), גיב צו צום ערשטן מין **—טע**, **—ין**, אָדער **—קע**.

אַרבעט 112.

פֿאָרמיר דעם צווייטן מין:

1. דער לערער— די לערערין
   - דער אַרבעטער ________
   - דער שניידער ________
   - דער מאָלער ________
   - דער סקולפּטאָר ________

2. דער כאַווער— די כאַווערטע
   - דער פּויער ________
   - דער שאָכן ________
   - דער גאַנעוו ________
   - דער באַלעבאָס ________

3. דער שוסטער — די שוסטערקע
   - דער אינטעליגענט ________
   - דער קאָמוניסט ________
   - דער סאָציאַליסט ________
   - דער ציאָניסט ________

> **צווישן אַלע שוסטער איז דער בעסטער שניידער יאַסל דער סטאָליער, ער מאַכט אַ היטל, ליגט עס אויפֿן פּוס ווי אַ הענטשקע.**

דימינוטיוון

(פאַרקלענער־סובסטאַנטיוון)

קלענסטער	קלענער	גרויס
דאָס טישעלע	דאָס טישל	דער טיש
דאָס הייזעלע	דאָס הייזל	דאָס הויז
דאָס קעצעלע	דאָס קעצל	די קאַץ
דאָס שיכעלע	דאָס שיכל	דער שוך
דאָס קעפּעלע.	דאָס קעפּל	דער קאָפּ

דימינוטיוו מיינט פאַרקלענער־פאָרם פון סובסטאַנטיוו. **אַלע דימינוטיוון געהערן צום דריטן מין (דאָס).** מען פאָרמירט די דימינוטיוון דורך צוגעבן —ל אָדער —**עלע** צום נאָמען.

אַרבעט 113.

גיב צו די דימינוטיוון:

קלענסטער	קלענער	גרויס
דאָס שטעטעלע	דאָס שטעטל	די שטאָט
		די באָרד
(ניטאָ)		דער ברודער
		דער קנאָפּ
		די האַנט
		דער וואַלד
		די באַק
		דאָס בוך
		דער הונט
		די מויז
		די הויט
		דאָס אויג
		דער בוים
		די וואַנט
		די נאָז
		דער הונט
		דער בויך
		דער באַרג

דימינוטיוון מיט —דל און —כל

דאָס מויל	דאָס מײַלכל
דער טײַל	דאָס טײַלכל
דער רעגן	דאָס רעגנדל
די פּאַן	דאָס פּענדל.

געדענק: מען פֿאָרמירט די דימינוטיוון פֿון נעמען וואָס ענדיקן זיך אויף —ל (ווען די —ל קומט נאָך אַ וואָקאַל) דורך צוגעבן —כל (אַנשטאָט —ל), פֿון טייל נעמען וואָס ענדיקן זיך אויף —ן דורך צוגעבן —דל.

אַרבעט 114.

שרייב די דימינוטיוון:

דער קנויל ———	די באַן ———	דער ניגן ———
די מיל ———	די פּעל ———	די פּייל ———
דער בויגן ———	די שטאַל ———	דער קוימען ———
די פּאַן ———	דאָס קאָל ———	דער צאָן ———

אַרבעט 115.

שרייב איבער די זאַצן. נוץ דימינוטיוון פֿאַר אַלע סובסטאַנטיוון.

1. דער פֿויגל זינגט מיט אַ שיין קאָל. 2. אויף דער גאַס שטייען אַ סאַך ביימער. 3. לעבן דאָרף פֿליסט אַ טייך. 4. קינדער, ליבע קינדער, עפֿנט די מײַלער און זינגט מיר אַ ליד. 5. גייען זיך צוויי קליינע יידן, שאָקלען מיט די קעפּ און רעדן וועגן די אַמאָליקע יאָרן. 6. „יאַנקל וויל אַ יעגער זיין, יאַנקל וויל אין וואַלד אַריין, שיסן וויל ער נאָר אַ בער.‟ „אונטער די גרינינקעביימער שפּילן זיך מוישעס, שלוימעס.‟

אַ „בויטשיקל‟ מיט אַ „וואַטשל‟

בראָכע איז ניט צופֿרידן. מײַן מאַמע אויך ניט. טייבל אויך ניט. איר האָט אַמאָל געזען אַז ווייבער זאָלן זיין צופֿרידן? זיי באַוויינען אונדז מאַנצבילן, וואָס מיר דאַרפֿן אַזוי האָרעווען אין אַמעריקע צו מאַכן אַ לעבן. אַ קלייניקייט — אַרבעטן אין שאָפּ! אין אַמעריקע האָט יעדער שאָפּ אַזאַ מין זייגער. אַז איר קומט אין שאָפּ, גייט איר

צו צום אַלעם ערשטן און טוט אַ קוועטש דעם זייגער. ווערט דאָס אָנגערופן אויף זייער לאָשן: „פאָנטשן די קלאַק".

„קלאַק" איז אַ זייגער און נעמט זיך, זאָגט מיין ברודער עליע, פון גלאָק. אַ גלאָק קלינגט און אַ זייגער, זאָגט ער, קלינגט אויך. אָבער נאָר אַ וואַנט־זייגער. אַ סימען האָט איר: אַ קעשענע־זייגערל קלינגט ניט, הייסט עס „וואַטש". פרעג איך ביי עליען: וואָס עפּעס „וואַטש"? זאָגט ער: „ווי דען זאָל עס הייסן?" זאָג איך: „וואַטשל". פרעגט מיך עליע: „פאַר וואָס עפּעס וואַטשל?" זאָג איך: אַז אַ זייגער איז אַ זייגערל, דאַרף זיין וואַטש אַ וואַטשל. עלעהיי, זאָג איך, אַ „בוי" איז אַ יונג, איז אַ יינגל — „בויטשיק", און אַ קליין יינגעלע — „בויטשיקל". ווערט עליע אין קאַעס און זאָגט מיר, אַז איך האָב זיך אויסגעלערנט פון אונדזער כאַווער פּיניע זאָגן אַלצדינג פאַרקערט. אַ גליק, וואָס פּיניע איז ניטאָ דערביי.

(שאָלעם־אַליימעם.)

דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון ביימעלע.

ד י צווייטער —	1. לעבעדיקע זאַכן פון ווייבלעכן געשלעכט 2. נעמען וואָס ענדיקן זיך אויף: —ע —ונג —הייט —קייט —יק —יי —אַפט —ור	די מאַמע, די קו, די הון די סכוירע, די טעלעגראַמע די פאַרזאַמלונג, די צעטיילונג די פרייהייט די שיינקייט די קריטיק, די פיזיק די בעקעריי, די קוויטשעריי. די קלוגשאַפט, די לאַנדשאַפט די קולטור, די ליטעראַטור
ד אָ ס דריטער —	1. נעמען פון שטאָפן 2. פאַרקלענער נעמען מיט —ל, —עלע 4. נעמען וואָס ענדיקן זיך אויף: —טום —טל —עכץ 5. אַן אינפיניטיוו גע־נוצט אַלס אַ נאָמען	דאָס ברויט, דאָס גאָלד דאָס קעצל, דאָס טישעלע דאָס אייגנטום, דאָס פּויערטום דאָס פערטל, דאָס צענטל דאָס שרייבעכץ, דאָס טועכץ דאָס טאַנצן, דאָס שפּרינגען.

דער מין

אָריענטיר־טאַבעלע

מין	וועלכע ווערטער	ביישפּילן
ערשטער — דער	1. לעבעדיקע זאַכן פון מענלעכן געשלעכט	דער טאַטע, דער אָקס, דער האָן
	2. נעמען פון כאַדאָשים, סעזאָנען	דער יאַנואַר, דער סעפּטעמבער, דער פרילינג
	3. נעמען פון טעג פון דער וואָך	דער זונטיק, דער שאַבעס, דער מיטוואָך
	4. נעמען, וואָס ענדיקן זיך אויף:	
	—יזם	דער סאָציאַליזם, דער פּאַטריאָטיזם
	—אַל	דער וואָקאַל, דער לאָקאַל
	—אַנט	דער בריליאַנט, דער טאַלאַנט
	—יוו	דער קאָלעקטיוו, דער מאָטיוו
	—עם	דער בוידעם, דער בעזעם
	—ל (אַכוץ פאַר־קלענער נעמען)	דער פויגל, דער מאַנטל
	5. נעמען פאָרמירט פון ווערב אָן אַ פּרעפיקס אָדער סופיקס.	דער טאַנץ, דער קלאַפּ.

אַרבעט 116.

קלאַסיפֿיציר די פֿאָלגנדיקע סובסטאַנטיוון לויט זייער מין און שטעל צו דעם ריכטיקן אַרטיקל צו יעדן :

שאַבעס	ליבעראַל	פֿאַבריק
פּאַציפֿיזם	דייטשלאַנד	אָקס
געשיכטע	זומער	קינד
אַכטל	קווייטשעריי	פּאַטש
קאַטשקע	צעטיילונג	גלייכהייט
גוילעם	לעמפּל	געשעעניש
אייזן	בירגערטום	האַרבסט

אַרבעט 117.

שטעל אַריין דעם ריכטיקן אַרטיקל :

1. —— אַרבעטער אַרבעט זייער שווער.
2. —— מאָטיוו איז זייער אַ שיינער.
3. —— ברויט און —— זאַלץ זיינען שוין געווען אויפֿן טיש.
4. —— ווינטער איז ניט גוט פֿאַר די אָרעמע.
5. —— טאַנצן געפֿעלט מיר ניט.
6. —— אַסטראָנאָמיע און —— פֿיזיק זיינען וויסנשאַפֿטן.
7. —— קעצל האָט אויסגעלעקט —— מילך.
8. —— פֿאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעפֿאַנגען שפּעט, אַפֿילע —— פֿאָרזיצער איז ניט געקומען אין צייט.
9. —— צייטונג שרייבט, אַז —— פּאָליציי ווייסט ניט ווען —— גנייווע איז פֿאָרגעקומען.
10. —— שטורעם האָט צעשטערט —— הויז : —— טיר צעבראָכן, —— פֿענצטער אויסגעזעצט, —— וואַנט צעוואַלגערט.

אַרבעט 118.

טראַכט צו נאָך איין וואָרט צו יעדן ביישפּיל אויף זייטן 76 און 77.

וועלוול „וואַרפט אַן אויג״

היינטיקע וואָך האָבן מיר פאַרצייכנט אין אונדזער „קלאַס־ביכל״ פאַר אידיאָמען און שפּריכווערטער אידיאָמען מיטן וואָרט „אויג״. אונדזער וועלוול מאָלט שוין ווייטער „מענטשעלעך״. אָט זעט ווי ער „וואַרפט אַן אויג״.

אַרבעט 119.

שרייב אַריין די פּאַסיקע אידיאָמען פון לינקס צו יעדן פון די פאָלגנדיקע זאַצן:

1. ניט קענען וואַרטן ביז מען גיט, אַריינכאַפּן אין גאַנצן.
2. זייער שטאַרק אָפּהיטן.
3. ס׳איז מיר געוואָרן זייער גוט.
4. ס׳איז מיר געוואָרן זייער שלעכט.
5. ער פאַרגינט ניט.

ס׳איז מיר געוואָרן ליכטיק אין די אויגן.
ער האָט גרויסע אויגן.
איינשלינגען מיט די אויגן.
היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.
ס׳איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן.

אַרבעט 120.

שרייב אַרויס אַלע אידיאָמען מיט „קאָפּ״ און פאַרטייטש זיי.

אַ קאָפּ־מענטש

יאָסל האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, אַן אייזערנעם קאָפּ. איך בין מיר אַ מענטש מיט אַ גראָבן קאָפּ, אַן קונצן. ווייס איך ניט וואָס זיי דרייען מיר אַ קאָפּ וועגן אים. לעצטנס האָט יאָסל פאַרריסן די נאָז, ער וויל מיט מיר ניט רעדן. איך האָב, זאָגט ער, אַ פערדס קאָפּ. ער וועט, זאָגט ער, מאַכן פון מיר אַ לייט, מיר אַרויסשלאָגן די נאַרישקייט פון קאָפּ. האָב איך אים געזאָגט אַ שיינעם דאַנק, אויסגעלאָזט אַלע מיינע צאָרעס צו זיין קאָפּ, אַוועק פון אים און — ס׳איז מיר אַראָפּ אַן אָל פון קאָפּ.

אַרבעט 112.

פֿאַרטייטש די פֿאָלגנדיקע אידיאָמען :

אייזערנע האַנט, אָפֿענע האַנט, גאָלדענע הענט,

לאַנגע הענט, ליימענע הענט, ברייטע האַנט.

אַרבעט 122.

שרייב זאַצן מיט די פֿאָלגנדיקע אידיאָמען :

לאַנגע צונג, גלאַטע צונג, געשליפֿענע צונג,

צונג אויף שרויפֿן.

וועלוול איז „אַוועק מיט אַ נאָז"

אַרבעט 123

שרייב איבער און דערקלער די פֿאָלגנדיקע אידיאָמען :

1. האָבן פֿליגן אין נאָז.
2. דרייען מיט דער נאָז.
3. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז.
4. עס ברענט אונטער די הענט.
5. דרייען מיטן גראָבן פֿינגער.
6. זיך צעלייגן ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן.
7. זיך מאַכן פֿאַר אַ מענטשן.
8. האַקן אַ טשייניק.
9. דרייען אַ ספּאָדיק.
10. זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט.

געדענק: קעדיי צו קענען אַ שפּראַך, דאַרף מען קענען אירע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן. פֿאַרשרייב אַלע אידיאָמען וואָס דו הערסט און לייענסט, און באַנוץ זיך מיט זיי ביים רעדן און ביים שרייבן.

אַ לעקציע אין געאָגראַפיע

אַרבעט 124

שרייב אַראָפּ און לערן אויס די נעמען פון די קאָנטינענטן:

אייראָפּע	נאָרט (אָדער צאָפן) אַמעריקע
אַזיע	זיד (אָדער דאָרעם־) אַמעריקע
אַפריקע	אויסטראַליע

אַרבעט 125.

אַן איינוואוינער פון אייראָפּע רופט מען אַן אייראָפּייער.

אַן איינוואוינער פון אַמעריקע רופט מען ————.

אַן איינוואוינער פון אַזיע רופט מען ————.

אַן איינוואוינער פון אויסטראַליע רופט מען ————.

אַרבעט 126.

שרייב אַרויס די נעמען פון די לענדער און זעץ זיי איבער אויף ענגליש:

1. אונגאַרן
2. איטאַליע
3. אירלאַנד
4. אַלבאַניע
5. בולגאַריע
6. בעלגיע
7. גריכנלאַנד
8. דייטשלאַנד
9. דענמאַרק
10. האָלאַנד
11. טערקיי
12. טשעכאָסלאָוואַקיע
13. יוגאָסלאַוויע
14. לאַטוויע
15. לוקסעמבורג
16. ליטע
17. נאָרוועגיע
18. ענגלאַנד
19. עסטאָניע
20. עסטרייך
21. פּאָרטוגאַל
22. פּוילן
23. פּאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליקן (פ. ס. ס. ר.)
24. פינלאַנד
25. פראַנקרייך
26. רומעניע
27. שאָטלאַנד
28. שווייץ
29. שוועדן
30. שפּאַניע

אַרבעט 127.

מאַך אַ טאַבעלע פון אַלע אייראָפּייאישע פעלקער:

אַן איינוואוינער פון אונגאַרן רופט מען אונגאַר.

אַן איינוואוינער פון איטאַליע רופט מען איטאַליענער.

פיל אוים אַלע איבעריקע פעלקער לויט דעם ליסט אין אַרבעט 126.

אַרבעט 128.

שרייב אַריין די ריכטיקע טערמינען אין יעדן זאַץ:

[מיטלענדישער, וואַסערפאַל, האַלב-אינדזל, יאַם, אָקעאַן, אינדזל, טאַל, נאָרט-פּאָל, פּאָרט.]

1. ניו-יאָרק ליגט לעבן דעם אַטלאַנטישן ——.
2. מאַלטאַ איז אַן —— אין מיטלענדישן ——.
3. אָדעס איז אַ —— אויפן שוואַרצן ——.
4. אַראַביע איז אַ ——.
5. דער מיסיסיפּי טייך שניידט דורך דעם מיסיסיפּי——.
6. פּעריי האָט אַנטדעקט דעם ——.
7. פּאַלעסטינע ליגט אויפן —— יאַם.
8. ניאַגאַראַ איז איינער פון די העכסטע —— אין דער וועלט.

אַרבעט 129.

זעץ איבער פון ענגליש:

I am a real Parisian.

I am an inhabitant of Vienna, Berlin, Constantinople.

I am of Adelaide, Sidney, Melbourne.

I am of London, Manchester, Bristol, Edinburgh.

I am of Madrid, Barcelona, Brussels, Frankfort, Stuttgart, Florence.

I belong in Moscow, Cracow, Warsaw. (פון וואָלט וויטמאַן.)

אַרבעט 130.

שטעל אַריין די ריכטיקע נעמען פון די לענדער:

[אַרגענטינע, עגיפּטן, כינע, יאַפּאַן, פּאַלעסטינע.]

1. בוענאָס־איירעס איז די הויפּט־שטאָט פון ———.
2. ירושלים געפינט זיך אין ———.
3. שאַנכיי איז אין ———.
4. טאָקיאָ איז די הויפּט־שטאָט פון ———.
5. קאַיראָ איז אין ———.

[**געדענק:** דער העברייאישער נאָמען פאַר פּאַלעסטינע איז ערעץ־ייסראָעל (ארץ־ישראל), פאַר עגיפּטן — מיצראַים (מצרים).]

אַרבעט 131.

געפין אויס די יידישע נעמען פאַר די פאָלגנדיקע טייכן:

Danube. Vistula. Jordan. Nile. Thames.

געדענק: קימאַט אַלע אַנדערע געאָגראַפישע נעמען זיינען אין יידיש די זעלבע ווי אין ענגליש (לעמאָשל: טשילי, פּערו, מאַדאַ־גאַסקאַר, ניי־זעלאַנד, טיבעט און אַז. וו.).

וויצן

נאָכן דריטן

עסטער: איז פאַראַן אַ „פערטער יולי" אין ענגלאַנד?
דאַוויד: פאַרשטייט זיך, אַז ניין.
עסטער: אויב אַזוי, וואָס־זשע פאַר אַ טאָג קומט נאָך דעם 3טן יולי?

אין צירק

באַזוכער: דאָס איז ניט קיין ליליפּוט. ער איז דאָך פינף־און־אַ־האַלב פוס די הויך.

צירק־באַלעבאָס: דאָס איז טאַקע דער וואונדער: ער איז דער העכסטער ליליפּוט אויף דער וועלט.

מערצאָל

די פראַגע	די פראַגעס
דער טיש	די טישן
די בלום	די בלומ**ען**
דאָס ביכל	די ביכל**עך**.

קעדיי צו פאָרמירן די מערצאָל, גיב צו צו דער איינצאָל —**ס**, —**ן**, —**ען**, —**עך**. (נאָך —**ל**, נג, —נק קומט אַלעמאָל —**ען**.)

אַרבעט 132.

גיב די מערצאָל פון:

1. טאַטע
ליבע
לאַגע
באָבע
מאַמע
כאַסענע
קאָמע
נאַציע
רעוואָלוציע
קאָמפּאָזיציע

2. שטול
מענטש
לאָמפּ
כאַלדאַט
אויג
שטאַם
זאַנג
יונג
היים
קלאַנג

3. טיכל
קעצל
פערדל
טישל
יינגל
מיידל
היטל
נעזל
העזעלע
קעצעלע.

מערצאָל מיט —ער און —ים

דאָס פּאָס	די **פּעסער**
דער כאַווער	די **כאַווײרים**

ווען מען פאָרמירט די מערצאָל דורך צוגעבן —**ער** אָדער —**ים** ענדערט זיך דער וואָקאָל אין סובסטאַנטיוו.

אַרבעט 133.

גיב די מערצאָל פון :

3. בוך	2. האָן	1. פלאַן
שטוב	גאָרטן	לאַנד
גרוב	קלאָץ	שאַפ
טוך	האָלץ	מאַן
הון	שלאָס	באַנד

מויל	4. בויך
הויז	בוים

אַרבעט 134.

שרייב אַריין די פּאַסיקע מערצאָל פאַר די איינצאָל אין קלאַמערן :

א) און זע די (מאַשין), די בלאַנקע, די ריזיקע אייזערנע (שקלאַף),
וואָס היטן די מענטשלעכע (קויער) און העלפן די (רייכטום) שאַפן,
און זע ווי די ווילדע, די מעכטיקע קראַפט פון נאַטור איז
באַצוואונגען,
ווייל טיף איז דער מענטשלעכער סייכל אין (סאָד) אין אירע
געדרונגען.

ב) און ווייט אויף בליענדע, לוסטיקע (פעלד) הויב אויף דיינע (אויג)
און זע ווי עס שטייען די גאָלדענע (זאַנג) פון שווערקייט געבויגן,
און זע אין די פּרעכטיקע (גאָרטן) די (בוים) מיט (פרוכט)
באַהאַנגען,
און (פויגל) פאַרפּולן די (צווייג), פאַרפּולן די לופט מיט (געזאַנג).
(י. באָװשאָווער.)

ג) האָב איך אַ פּאָר (האָן), וואָס זיי קלייבן (שפּאָן),
האָב איך אַ פּאָר (פייגעלע), וואָס זיי באַקן (בייגעלע),
האָב איך אַ פּאָר (קעצל), וואָס זיי מאַכן (פלעצל).
(קינדער־לידל.)

אַרבעט 135.

גיב די מערצאָל פון:

יאַנטעוו	גאַנעוו	יאָסעם
שאָכן	כאַווער	שייוועט
מעם	דאָקטער	שאַבעס
כאָכעם	סוינע	קאַפּצן
כיידער	גאַלעך	סויכער
מיילעך	כוידעש	מייכל
ראָוו		כאַזער.

—ים אָדער **—עם**:
שרייב **—ים** בלויז ווען ס'איז אַ נאָמען אין מערצאָל: כאַוויירים, פּויערים. אַלע אַנדערע ווערטער שרייב מיט **—עם**: בוידעם, פּאָנעם, אָרעם און אַנד.

אַרבעט 136.

געפין די איינצאָל:

אָרעמעלייט	סוידעס	נאַבללייט
מויכעס	באַלכויוועס	אויפעס
באַלעבאַטים	טאַליסים	רייכעס

אַ מאַרק

אַ מאַרק אָדער אַ מין יאַריד אַזעלכער, וואו אַלץ איז אויסגעמישט אין איינעם: גויאים און פערד, און בעהיימעס, און כאַזיירים, און ציגיינער, און וועגן, און רעדער, און יידן פון אַלע מינים: יידן מיט פעלכלעך, יידן מיט היטלען, יידן מיט סכוירעס, יידן מיט בולקעס, מיט אייערבייגל, מיט קיכלעך, מיט עפּלקוואַס און מיט וואָס איר ווילט. היינט ווייבער! ווייבער מיט קאָשיקעס, ווייבער מיט עפּעלעך, און ווייבער מיט אויפעס, און ווייבער מיט געפּרעגלטע פּיש, און גלאַט ווייבער. און דאָס אַלץ רעדט און קוויטשעט און גראַגערט. און די פערד מיט די בעהיימעס מיט די כאַזיירים העלפן אונטער. און די בעטלערס זינגען און שפּילן — מ'קען טויב ווערן. און אַ שטויב שטייט אַזעלכער, וואָס מ'זעט קוים איינס דאָס אַנדערע. און רייכעס אַזעלכע, אַז מ'קען דערשטיקט ווערן.

(שאָלעם־אַלייכעם.)

מערצאָל

א) דער עפּל	די עפּל
דער פיש	די פיש
ב) דער טאַנץ	די טענץ
דער קאָפּ	די קעפּ.

בײַ טײל סובסטאַנטיװן איז די מערצאָל די זעלביקע װי די אײנצאָל.
בײַ טײל סובסטאַנטיװן בײַט זיך בלױז דער װאָקאַל.

אַרבעט 137.

גיב די מערצאָל פֿון:

1. אַרבל	שטריק	שװועסטער
האָר	שטערן	לעפּל
הערינג	פֿערד	פֿענצטער
בריװ	ליכט	בײגל
פּײנט	ציפּער	ציגל
פּרײַנט	קנעכט	טריט
פֿינגער	פֿיש	רעכט.
2. האַנט	װאָרעם	הונט
באַנק	טאָג	ברודער
פּאַטש	נאָגל	שוך
באַרג	נאָז	מויז
גאַסט	פּום	פֿויגל
קנאָפּ	קו	צאָן
נאַכט	באָרד	לויז.

פֿיל הענט ברעכן מויערן און װענט.

צאָלווערטער

לייען איבער שנעל און הויך:

דריי און דרייסיק רויטע רייטער זיינען געריטן אויף דריי און דרייסיק רויטע פערד און האָבן געשריען דריי מאָל: הורא! הורא! הורא!

אַרבעט 138.

מאַך טאַבעלעס (שרייב אַרויס די צאָלן מיט ווערטער, ניט מיט ציפערן):

I 1, 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 10, 11, 12, 13, 14, 15, 16, 17, 18, 19, 20.

II 21, 22, 23, 24, 25, 26, 27, 28, 29, 30.

III 20, 30, 40, 50, 60, 70, 80, 90 ,100.

One Hundred זאָגט מען אין יידיש **הונדערט** (ניט איין הונדערט).
One Thousand — **טויזנט**, A Million זאָגט מען **אַ מיליאָן**.
O איז אין יידיש **זעראָ** אָדער **נול**.
163 = הונדערט דריי און זעכציק.
1,300 ,423 = אַ מיליאָן דריי הונדערט טויזנט פיר הונדערט דריי און צוואַנציק.

אַרבעט 139.

שרייב איבער מיט ווערטער די צאָלן:

1933 ; 135; 72; 1,044; 1,329,945; 98; 396; 261; 1812; 77; 617.

רעטעניש

אַ פאַרמער האָט 7 שטאַלן און 10 פערד. ווי קען ער איינשטעלן זיינע 10 פערד אין די 7 שטאַלן אַז ער זאָל האָבן פּלאַץ פאַר אַלע פערד, און יעדעס פערד זאָל זיין אַליין אין אַ שטאַל?

אַרבעט 140.

ענטפערט מיט ווערטער די פראַגעס:

1. אין וועלכן יאָר האָט קאָלאָמבוס אַנטדעקט אַמעריקע? (1492)
2. ווען איז דזשאָרדזש וואַשינגטאָן געשטאָרבן? (1799)
3. ווען איז פאָרגעקומען דער בירגער-קריג אין אַמעריקע? (1861)
4. אין וועלכן יאָר ביסטו געבוירן געוואָרן?
5. אין וועלכן יאָר איז דיין טאַטע געבוירן געוואָרן?
6. ווען איז מענדעלע געבוירן געוואָרן? (1836)

ער וויל נאָך...

אַ קינד שטייט לעבן אַ שול און וויינט. גייט פאַרביי אַ מאַן און פרעגט:

— וואָס וויינסטו, ייִנגעלע?

— דער לערער האָט מיך געפרעגט, וויפל ס'איז זעקס מאָל זיבן.

— גיי אַריין און זאָג אים: צוויי און פערציק.

— כ'האָב אים שוין געזאָגט דריי און פופציק, און ער איז נאָך אַלץ ניט צופרידן.

זי קען ניט ציילן אויף צוריק

אַ שטייגער, וואָס וועט איר זאָגן אויף אַזאַ מייסע: טאַטע-מאַמע און פיר קינדער זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אין עלים איילאַנד, ניט אַהער, ניט אַהין. וואָס איז? ביים פאַרהער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייערס אַ קינד, אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, קען ניט ציילן אויף צוריק. מען פרעגט זי:

— וויפיל ביסטו אַלט?

זאָגט זי:

— צוועלף יאָר.

פרעגט מען זי ווידער:

— וויפיל ביסטו אַלט געווען פאַראַיאָרן אין דער צייט?

ווייסט זי ניט. זאָגט מען איר:

— צייל פון איינס ביז צוועלף.

ציילט זי. זאָגט מען איר:

— צייל פון צוועלף צוריק ביז איינס.

קאָן זי ניט. ווען מען פרעגט ביי מיר אַזאַ זאַך: צייל — צייל איך דאָך ווי אַ וואַסער:

— צוועלף, עלף, צען, ניין, אַכט, זיבן, זעקס, פינף, פיר, דריי, צוויי, איינס. אַ טייערע מעציע!

איז געבליבן, אַז מען קען דאָס מיידל קיין אַמעריקע ניט אַריינלאָזן.

(שאָלעם־אַלייכעם.)

אַ קונץ מיט ציפערן

נעם די ציפערן 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 10 — צעשטעל זיי אין די ניין קעסטעלעך אַזוי, אַז עס זאָל זיך פון יעדער זייט באַקומען די צאָל 18.

וואָג און מאָס

1. א) וויפל פיס האָט אַ קאַץ? — אַ קאַץ האָט 4 פיס.
   ב) ווי לאַנג איז דער טיש? — דער טיש איז 3 **פוס** לאַנג.
2. א) וואָס האָסטו געקויפט? — 4 טעלער און 3 גלעזער.
   ב) וויפל וואַסער האָסטו געטרונקען? — איך האָב אויסגעטרונקען 2 **גלאָז** וואַסער.

ווערטער וואָס באַצייכענען מאָס און וואָג קומען געוויינלעך **נאָך אַ צאָלוואָרט** אין איינצאָל.

אַרבעט 141.

שטעל אַריין איינצאָל אָדער מערצאָל:

1. דער וועג ציט זיך (מייל) און (מייל). **2.** לאַנגע (שאָ) האָב איך אויף אים געוואַרט. **3.** ער איז געגאַנגען 7 (מייל) צופוס. **4.** גיב מיר 8 (גאַלאָן) וואַסער. **5.** 2 (שאָ) און 20 (מינוט) זיץ איך און אַרבעט. **6.** פּאַמעלעך האָבן זיך געשלעפּט די (מינוט), די 15 (מינוט) האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי 15 (שאָ). **7.** קויף 3 (קוואָרט) מילך. **8.** אַ סאַך (טאָן) קאַווע האָט מען אַריינגעוואָרפן אין יאַם אַריין. **9.** דער טאַטע האָט געקויפט 4 (טאָן) קוילן אויפן ווינטער. **10.** כ'האָב געקויפט 10 (פונט) קאַרטאָפל — איכ'ל פון דעם צונעמען (פונט) וואָג.

אַ גלאָז מילך

A glass of milk—	אַ גלאָז מילך (אָן אַ פּרעפּאָזיציע)
A pound of sugar—	אַ פונט צוקער (אָן אַ פּרעפּאָזיציע)

אַרבעט 142.

זעץ איבער:

1. He bought 15 lbs. of potatoes. 2. Give me 1 quart of vinegar. 3. He drinks 3 glasses of milk a day. 4. Buy me a pair of shoes. 5. I waited for 45 minutes. 6. He walked for 16 miles. 7. How many pounds in a ton? 2,000 pounds. 8. How tall are you? Five feet. 9. What time is it? Seventeen minutes past 7. 10. I bought a dozen eggs, half a pound of butter and half a quart of cream.

אַ רעטעניש

אַ מאַן האָט געהאַט 3 קאַנען: איינע האָט געהאַלטן 7 גאַלאָן, די צווייטע — 5 גאַלאָן און די דריטע — 3 גאַלאָן. די 7־גאַלאָנדיקע קאַן איז געווען פול מיט גאַזאָלין. די אַנדערע צוויי — ליידיק. ער האָט באַדאַרפט אָפּמעסטן 4 גאַלאָן גאַזאָלין — ווי קען ער עס טאָן?

קונצן מיט שוועבעלעך

ווי קען מען מאַכן פון צוויי שוועבעלעך צען?
ווי קען מען מאַכן פון דריי שוועבעלעך זעקס?
ווי קען מען מאַכן פון פיר שוועבעלעך זיבן?

רעבוס

אַדיעקטיוו

דער **אַלטער** טיש איז צעבראָכן.

די **גרויע** קאַטשקע שווימט.

דאָס **פּערטע** ביכל איז אינטערעסאַנט.

די **נייַע** כאַווירים קומען אָן.

> אַדיעקטיוו איז אַ וואָרט, וואָס באַצייכנט אַ סימען פון אַ זאַך.
> אַדיעקטיוו ענטפערט אויף דער פראַגע: וועלכער? וואָסער?
> דער אַדיעקטיוו קומט אַלע מאָל מיט אַ סובסטאַנטיוו, **שטימט**
> **מיט מיטן סובסטאַנטיוו**, און **בייַט זייַן ענדונג לויטן מין.**

אויב דער סובסטאַנטיוו איז אין ערשטן מין, ענדיקט זיך דער אַדיעקטיוו מיט —**ער** — דער אַלטער זיידע.

אויב דער סובסטאַנטיוו איז אין צווייטן מין, ענדיקט זיך דער אַדיעקטיוו מיט —**ע** — די יונגע פרוי.

אויב דער סובסטאַנטיוו איז אין דריטן מין, ענדיקט זיך דער אַדיעקטיוו מיט —**ע** — דאָס פּערטע ביכל.

אין מערצאָל ענדיקט זיך דער אַדיעקטיוו אַלע מאָל מיט —**ע**.

אַרבעט 143.

שטעל אַריין דעם אַדיעקטיוו צו יעדן סובסטאַנטיוו:

שוואַרץ	דער —— טיש	די —— באַנק	דאָס —— קעצל
הויך	דער —— בוים	די —— וואַנט	דאָס —— הויז
ליכטיק	דער —— טאָג	די —— זון	דאָס —— אויג
לאַנג	דער —— וועג	די —— שלאַכט	דאָס —— נעזל
קלוג	דער — כאַווער	די — לערערין	דאָס — מיידעלע
רויט	דער —— פוקס	די —— הון	דאָס —— טיכל
צעריסן	דער — מאַנטל	די —— בלוזע	דאָס —— קלייד
מעשענער	דער —— גלאָק	די —— שיסל	דאָס — קנעפּל
נאַס	דער —— רעגן	די —— שויב	דאָס —— ביכל
הייס	דער — קלימאַט	די —— פאַן	דאָס —— גלאָז.

ווי מען פֿאָרמירט אַדיעקטיוון

1. די לענדער **פֿון איראָפּע** = די **איראָפּייִשע** לענדער.

2. אַ בריק געמאַכט **פֿון שטאָל** = אַ **שטאָלענע** בריק.

> ווען מען פֿאָרמירט אַן אַדיעקטיוו פֿון אַ סובסטאַנטיוו אָדער אַ ווערב, גיט מען צו די ענדונגען —יש, —ען, —אַל, —יק, —לעך און אַנדערע.

אַרבעט 144.

שאַף אַדיעקטיוון פֿון די פֿאָלגנדיקע סובסטאַנטיוון:

1. אַ זייגער געמאַכט פֿון גאָלד — אַ גאָלדענער זייגער.
2. אַ קלייד געמאַכט פֿון וואָל —
3. אַ העמד געמאַכט פֿון לייוונט —
4. אַ טאָפּ געמאַכט פֿון קופּער —
5. אַ פֿויגל געמאַכט פֿון פּאַפּיר —
6. אַ טעלער געמאַכט פֿון צין —
7. אַ וואַנט געמאַכט פֿון שטיין —
8. אַ האַמער געמאַכט פֿון אייַזן —
9. אַ טויער געמאַכט פֿון האָלץ —
10. אַ לעפֿל געמאַכט פֿון ביין —

אַרבעט 145.

מאַך אַדיעקטיוון פֿון די פֿאָלגנדיקע ווערטער:

1) וואָלקן — וואָלקנדיק
יאָנטעוו —
מוירע —
סייכל —
פֿייער —
נאַכעס —
רעגן —

2) ביינאַכט — ביינאַכטיק
זאַמד —
זון —
פֿלייש —
שניי —
מילך —
טוי —

3) גליק — גליקלעך
געפֿאַר —
נוץ —
בירגער —
גאָט —

4) דאָרף — דאָרפֿיש
פּאַרטיי —
היסטאָריע —
פּראָלעטאַריער —
גראַמאַטיק —

אַרבעט 146.

שטעל אַריין אַדיעקטיוון אָשטאָט די סובסטאַנטיוון אין קלאַמערן :

1. די (קאָנסטיטוציע) געזעצן זײַנען אַלעמען באַקאַנט. 2. דער (נאַציע) הימן איז זייער שיין. 3. עס איז געווען זייער (קאָמעדיע) צו זען, ווי ער האָט דערציילט דעם וויץ מיט אַ (טראַגעדיע) פּאָנעם. 4. אַ (גראַמאַטיק) קלאַל איז גאָרנישט אַזוי (דראַמע) ווי דו מיינסט. 5. זי איז אַ (סענטימענט) פרוי. 6. ער דערציילט די קינדער וועגן די (רעוואָלוציע) העלדן. 7. דאָס איז אַ (ליטעראַטור) בוך. 8. שאָלעם־אַליינעם איז אַ (הומאָר) שרייבער. 9. יעדער קריגט אַן (אינדיווידן) פּאָרציע. 10. ער איז אַ (קולטור) מענטש.

באַמערק : ווען דו ווייסט ניט ווי צו שאַפֿן דעם אַדיעקטיוו פֿון **אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער** אין יידיש, דערמאָן זיך אין די ענגלישע אַדיעקטיוון. זיי זײַנען זייער ענלעך. לעמאָשל :

קולטורעל —	Cultural
רעוואָלוציאָנער —	Revolutionary
אינדיווידועל —	Individual
ראַציאָנאַל —	Rational

און אַ סאַך, אַ סאַך אַנדערע.

אַדיעקטיוו־ענדונגען

אַן אַלט בוך איז צעריסן.
ליב קינד, וואָס ווײנסטו?

אין דריטן מין — ווען דער סובסטאַנטיוו קומט מיטן אומ־באַשטימיקן אַרטיקל אָדער אָן אַן אַרטיקל, קומט דער אַדיעקטיוו אָן אַן ענדונג (אַלט, ליב).

אַרבעט 147.

גיב די דימינוטיוון (מיט אומבאַשטימיקן אַרטיקל און אַדיעקטיוו):

1. אַ קלײנער מענטש. 2. אַן אַלטער טיש. 3. אַ גרינע טיר. 4. אַ קרומער שטעקן. 5. אַ מאָדנע בוך. 6. אַ ליכטיקער לאָמפּ. 7. אַ רויטער עפּל. 8. אַ שײן ליד. 9. אַ ברוינער הוט. 10. אַ שטײנערנער טאָפּ.

אַרבעט 148.

שרײַב אַרײַן די אַדיעקטיוון, וואָס שטײען אין קלאַמערן, מיט די ריכטיקע ענדונגען:

1. דער (אַלט) מאַן שווײַגט. 2. דאָס (גרין) טיכל איז זײער שײן. 3. אַ (גוט) שילער האָלט רײן זײַנע ביכער. 4. די (קראַנק) באָבע ליגט אין בעט. 5. דער (הויך), (ברײטבײנערדיק) ביל האָט זיך אָנגעבויגן. 6. אַ (שוואַרץ) קעצל ליגט לעבן טיר. 7. דאָס (ערשט) ביכל איז צעריסן. 8. (בראַוו) יאָטן זײַנען מיר. 9. דער (קלוג) כאַוועֶר האָט געגעבן אַ (גוט) אײצע. 10. אײב לינקאָלן האָט מען גערופן „דער (ערלעך) אײב״. 11. שטערנדל, (קלײן) שטערנדל, פֿינקלסט נאָכאַנאַנד. 12. דער (העלדיש) פֿאָל רעוויר איז פֿלינק געריטן.

13. (שוואַרץ) פֿויגל, פֿלי געשווינט,
זאָג מײַן מאַמעניו, איך בין געזונט.
ווער וועט גײן אויף מײַן לעווײַע —
נאָר דאָס פֿערד, דאָס (געטרײַ). (פֿון אַ פֿאָלקליד.)

14. די (יידיש) שפּראַך האָט ניט קײן סך (גראַמאַטיש) קלאַלים.

15. איך האָב אַזוי אָנגעפֿאַנגען מײַן בריוו: „(טײַער) פֿאָטער און (ליב) מוטער...״

פ אַ ר ב ן

שוואַרצע, געלע, רויטע, ברוינע —
מישט די פאַרבן אוים צוזאַמען,
אַלע מענטשן זיינען ברידער
פון איין טאַטן, פון איין מאַמען.

(י. ל. פערעץ.)

אַרבעט 149.

פאַרב יעדן קוואַדראַט לויטן אַנגעוויזענעם קאָליר:

שוואַרץ · גרוי · ווייס · ברוין

פורפור · אָראַנזש · בלוי

גרין · געל

רויט

אַרבעט 150.

קלייב צו סובסטאַנטיוון צו די פאָלגנדיקע אַדיעקטיוון:

1. אַן אַלט ———
2. די גרויע ———
3. דאָס בלינדע —
4. דער יונגער —
5. מיין טייערער—
6. די ווייסע ——
7. אַ רויטע ———
8. דער שטומער ——
9. דאָס צעריסענע -
10. זיין עלטערער -
11. אַ בלייך ———
12. דער געלער —
13. די שאַרפע ——
14. אַ טויבער ——
15. דאָס הויכע —

ר ע ט ע נ י ש

אַ ווייסער מויער און אַ געלער מויער. וויל מען קומען צום געלן, מוז מען צעברעכן דעם ווייסן.

פאַרגלייך־פאָרמעס פון אַדיעקטיוו

1. בעני איז אַ **שטאַרקער** באָכער.
2. פיליפ איז אַ **שטאַרקערער** יונג פון אים.
3. יאַנקל איז **דער שטאַרקסטער** יונג.

אַן אַדיעקטיוו קען קומען אין **3 גראַדאַציעס** (שטאַרקער־שטאַרקערער־שטאַרקסטער). די גראַדאַציעס דריקן אויס די מאָס פון שטאַרקייט פון אַדיעקטיוו. מען רופט זיי: **פּאָזיטיוו**, **קאָמפּאַראַטיוו** (פאַרגלייך־פאָרם), **סופּערלאַטיוו** (העכסטע פאָרם).

אַרבעט 151.

שטעל אַריין די קאָמפּאַראַטיוון און סופּערלאַטיוון צו די פאָלגנדיקע אַדיעקטיוון:

פּאָזיטיוו	קאָמפּאַראַטיוו	סופּערלאַטיוו
ווייך	ווייכער	ווייכסטער
גרין	______	______
ברוינער	______	______
געלע	______	______
ליכטיקע	______	______
שנעלער	______	______
טרויעריק	______	______
פריילעך	______	______
טייער	______	______
ביליק	______	______
רייכע	______	______
שאַרפער	______	______
בלויער	______	______
ברוינע	______	______

דער זאַטער גלייבט ניט דעם הונגעריקן.

ווי, פון

ברויט איז ביליקער **פון** גאָלד,
אָדער
ברויט איז ביליקער **ווי** גאָלד.

Bread is cheaper than gold.

מערי איז קליגער **פון** גאָלדען,
אָדער
מערי איז קליגער **ווי** גאָלדע.

Mary is cleverer than Goldie.

געדענק:

1. ווען דו פאַרגלייכסט בלויז 2 זאַכן אָדער מענטשן, נוץ אַלע מאָל דעם קאָמפּאַראַטיוו.
2. זעץ איבער דעם ענגלישן than אויף **ווי** אָדער **פון** (קיינמאָל ניט דען!).

אַרבעט 152.

זעץ איבער פון ענגליש:

1. The window is wider than the door.
2. The sea is deeper than the river, but the ocean is the deepest.
3. The patient is more ill today than yesterday.
4. This is the latest style in dresses.
5. I think Charlie Chaplin is the funniest and most talented of all comedians.

אַרבעט 152-א.

פאַרגלייך מיט „אַזוי ווי" און „פון", לויט דעם מוסטער:

כייעם, מוישע, קלוג = כייעם איז אַזוי **קלוג** ווי מוישע.
כייעם איז **קליגער** פון מוישען.

1. טאַטע, מאַמע, אַלט. 2. בערל, יאַנקל, געזונט. 3. שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ, באַרימט. 4. דאָס נייע בוך, דאָס אַלטע בוך, גוט. 5. הויז, בוים, הויך. 6. מעסער, שערל, שאַרף. 7. טיר, פענצטער, ברייט. 8. לייב, טיגער, ווילד. 9. ענגליש, פראַנצויזיש, שיין. 10. געשיכטע, ליטעראַטור, אינטערעסאַנט.

וואָס איז העכער?

מיידעלע, דו פיינס, מיידעלע, דו שיינס,
כ'וועל דיך עפּעס פרעגן אַ רעטעניש אַ קליינס:

וואָס איז העכער פֿון אַ הויז?
וואָס איז פֿלינקער פֿון אַ מויז?

דו נאַרישער באָכער, דו, נאַרישער טראָפּ,
האָסט דאָך ניט קיין סייכל אין דיין קאָפּ:
דער קוימען איז העכער פֿון דעם הויז,
די קאַץ איז פֿלינקער פֿון דער מויז.

(פֿאָלקליד.)

שוואַרצסטער, ברייטסטער, בייזסטער.

פֿאַרמיר סופּערלאַטיוו דורך צוגעבן —**סטער** צום פּאָזיטיוו. שרייב **ברייטסטער** (ברייט+סטער, כאָטש עס קלינגט ווי ברייצטער), שרייב **שוואַרצסטער** (שוואַרץ+סטער, כאָטש מען הערט ניט דעם **ס**) און אַז. וו.

אַדיעקטיוון וואָס ענדיקן זיך אויף אַ —ס האָבן אין סופּערלאַטיוו בלויז איין ס. למשל: נאַסטער, מיעסטער.

אַרבעט 153.

פֿאַרענדיק די גראַדאַציעס:

פּאָזיטיוו	קאָמפּאַראַטיוו	סופּערלאַטיוו
געזונט	געזינטער	געזינטסטער
דעליקאַט		
האַרט		
פֿרעמד		
ווילד		
מילד		
ווייס		
מיעס		
הייס		
שטאָלץ		
קורץ		
קאָמיש		
לייטיש		
סימפּאַטיש		
בייז		
גראַציעז		
מיסטעריעז		

אומרעגלמעסיקע גראַדאַציעס

וואָס לענגער דו וואַרטסט, אַלץ ערגער וועט ווערן.

> טייל אַדיעקטיוון האָבן אַ וואָקאַל ענדונג אין די פאַרגלייך־פאָרמעס: לאַנג—לענגער—לענגסטער.
> טייל פאַרגלייך־פאָרמעס זייַנען אין גאַנצן אַנדערש פון זייערע אַדיעקטיוון: שלעכט—ערגער—ערגסטער.

אַרבעט 154.

פאַרענדיק די פאַרגלייך־טאַבעלע:

1.	לאַנג	לענגער	לענגסטער
2.	________	________	קעלטסטער
3.	________	עלטער	________
4.	שיין	________	________
5.	קליין	קלענער	________
6.	________	________	קירצסטער
7.	יונג	________	________
8.	________	העכער	________
9.	________	________	גרעסטער
10.	געזונט	________	________
11.	________	________	ערגסטער
12.	________	בעסער	________

שאָלעם-אַלייכעמס גראַדאַציעס

שטאַרק — שטאַרקער — אַן אייזן. קאַרג — קאַרגער — אַ כאַזער.
נאַריש — נאַרישער — אַ לעקיש. ווייך — ווייכער — אַ פוטער.
הונגעריק — הונגעריקער — אַ גאַנצן טאָג אין מויל ניט געהאַט.
בלאַס — בלאַסער — אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד.
נאַקעט — נאַקעטער — ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

(שאָלעם־אַלייכעם.)

אָרדענונג־צאָלן

1. כייעם איז דער **ערשטער** שילער אין זיין קלאַס.
2. ניו־יאָרק איז די **צווייטע** גרעסטע שטאָט אין דער וועלט.

> ערשטער, צווייטער זיינען **אָרדענונג-צאָלן**.
> די אָרדענונג-צאָלן זיינען אַדיעקטיוון און האָבן די זעלביקע ענדונגען וואָס אַלע אַדיעקטיוון (—**ער**, —**ע**).

אַרבעט 155.

שרייב אַרויס און ווערטער די פאָלגנדיקע אָרדענונג־צאָלן:

I (1	XI (2
II	XII
III	XIII
IV	XIV
V	XV
VI	XVI
VII	XVII
VIII	XVIII
IX	XIX
X	XX

אַרבעט 156.

שטעל אַריין די ריכטיקע אָרדענונג־צאָלן:

1. וואַשינגטאָן איז געשטאָרבן דעם —— פעברואַר.
2. דער —— יולי איז דער געבורטסטאָג פון די פאַראייניקטע שטאַטן.
3. מיר פייערן דעם —— מיי.
4. אַ יאָר ווערט געבוירן דעם —— יאַנואַר.
5. ווען איז דער (XXI) מערץ? — ווייסט ניט? ס׳איז געוויינלעך דער טאָג, וואָס קומט נאָכן (XX) און פאַרן (XXII) מערץ.

XXI — איין און צוואַנציקסטער.
XXX — דרייסיקסטער
100ער — הונדערטסטער.
142טער — הונדערט-צוויי-און-פערציקסטער.
1,000טער — דער טויזנטסטער.

אַרבעט 157.

גיב די אָרדענונג-צאָלן:

א) פון 20 ביז 30.
ב) 40, 50, 60, 70, 80, 90, 100.
ג) 74; 88; 351; 209; 546; 1,372; 123.

ר ע ט ע נ י ש

ווער קומט צום ערשטן אין שול אַריין?

אַמאָל איז געווען אַ גרויסער גוויר

אַמאָל איז געווען אַ גרויסער גוויר
האָט ער געהאַט געלט אָן אַ שיר,
האָט ער געהאַט צען טעכטער,
זיינען זיי געווען אויף לייטיש געלעכטער.

דויאַם, דואַם, גוידוידוי.

די ערשטע איידע, די צווייטע ביילע,
די דריטע גאָלדע, די פערטע דוואוירע,
די פינפטע הענע, די זעקסטע וויכנע,
די זיבעטע זעלדע, די אַכטע כאַנע,
די ניינטע טויבע, די צענטע יענטע.

דויאַם, דואַם, גוידוידוי.

(פאָלקליד.)

ר ע ב ו ס



האָמאָנימען

באַקן

ביי יוינע דעם בעקער אין הויז טוט יעדער עפּעס אַן אַרבעט: יוינע דער בעקער שטייט אַ גאַנצן טאָגביים אויוון און האַלט אין איין **באַקן** ברויט, און זיין זון פּישל דרייט זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג און האַלט אין איין קייען אויף ביידע **באַקן**.

> דיזעלבע ווערטער מיט פאַרשיידענע באַדייטן רופט מען **האָמאָנימען** (באַקן, באַקן).
> וואָס דאָס וואָרט מיינט, קען מען בלויז וויסן פונעם אינהאַלט פון זאַץ.

אַרבעט 158.

שטעל צוזאַמען זאַצן מיט די פאָלגנדיקע האָמאָנימען:

א) שטערן — דער שטערן לייכט אין הימל.
שטערן — איך האָב זיך צעקלאַפּט דעם שטערן.
שטערן — זיי שטערן מיר אין דער אַרבעט.

ב) זון	ג) וועגן	ד) נעמען	ה) אַכט	ו) קעמל	ז) בעטן	
זון	וועגן	נעמען	אַכט	קעמל	בעטן	
	וועגן					

אַרבעט 159.

דערקלער די פאָלגנדיקע האָמאָנימען:

א) קלאַס — אַ צימער אין שול.
קלאַס — אַ טייל פון דער געזעלשאַפט.

ב) שטעקן	ג) זאָקן	ד) באָדן	ה) מאָלן	ו) פּיר	ז) גיסט
שטעקן	זאָקן	באָדן	מאָלן	פּיר	גיסט

אַרבעט 160.

זעץ איבער אויף ענגליש:

א) גערירכט —	ב) שנור ——	ג) שוואָער ——	ד) שטיין ——
געריכט —	שנור ——	שוועער ——	שטיין ——

אַרבעט 161.

באַמערקט, אַז די פאָלגנדיקע ווערטער זיינען האָמאָנימען אין ענגליש, אין יידיש אָבער נוצט מען באַזונדערע ווערטער צו באַצייכענען די פאַרשיידענע באַדייטן. זוך אויס נאָך אַזעלכע ענגלישע האָמאָנימען און זאָג וואָס זיי מיינען אין יידיש.

Fair— מאַרק ; העל ; אָרנטלעך
Story— מייסע, דערציילונג ; שטאָק
Order— באַשטעלונג ; אָרדענונג ; אָרדן
Even— גלייך, אַפילו, גלאַט
Bar— באַר ; באַזייטיקן ; גראַטע
Pass— דורכגאַנג ; פאַרבייגיין ; דערלאַנגען ; שיין, דערלויבעניש
Let— פאַרדינגען ; לאָזן
Mean— געמיין, שלעכט ; מיינען ; מיטלסטע
Spot— פלאַץ ; פלעק ; דערזען, אויסגעפינען
Point— שפּיץ, פונקט, פינטל ; אָנווייזן
Paper— פאַפּיר ; צייטונג
Watch— זייגערל ; וואַך ; היטן

אַרבעט 162.

דערקלער די פאָלגנדיקע ווערטשפּילן :

1. גאַנץ גוט — קאַטשקע נאָך בעסער.
2. אַז דו וועסט דאַרפן אויפשטיין, וועל איך דיך אוועקגעבן.
3. זיין קאָפּ האַלט זיך אויף איינפאַלן.

ר ע ט ע נ י ש ן

1. איך האָב אַ וואָרף געטאָן אַ שטעקן אין וואַנט און ער איז געבליבן שטעקן.
2. פאַרוואָס קויפט אַן אַנטיסעמיט אַ גראָבן שטעקן ?
3. מיט וואָס איז אַ קייסן ענלעך צו אַ יויך ?
4. מיט וואָס זיינען פעטש ענלעך צו עפּל ?

סוביעקט, אָביעקט

1. **דער גוטער לערער** רעדט.

2. איך הער **דעם גוטן לערער**.

אין 1 איז „דער גוטער לערער" דער **סוביעקט** פון זאַץ, ער טוט די טואונג. ער ענטפערט אויף דער פראַגע — ווער? ווער רעדט? (ביי ניט-לעבעדיקע זאַכן — וואָס?).

אין 2 איז ער דער **אָביעקט** פון זאַץ, אויף אים גייט אַריבער די טואונג. דער אָביעקט ענטפערט אויף דער פראַגע — וועמען? (ביי ניט-לעבעדיקע זאַכן — וואָס?).

אַזאַ אָביעקט הייסט דירעקטער אָביעקט.

אַרבעט 163.

שרייב אַרויס די פאָלגנדיקע זאַצן און שטרייך אונטער דעם סוביעקט מיט 1 שטריך, דעם אָביעקט מיט 2 שטריכן:

1. דער לערער לערנט די קינדער. 2. סאָרע טרינקט מילך. 3. דער אַלטער האַקט האָלץ. 4. די קליינע ציפּע דעקלאַמירט אַ ליד. 5. איך געדענק דאָס ליד. 6. צינד אָן דעם לאָמפּ. 7. שאָלעם-אַליכעם האָט אָנגעשריבן „דאָס מעסערל". 8. כייעם און בעני לייענען די צייטונג. 9. ער לייענט דאָס בוך. 10. אַ שוסטער נייט שיך. 11. גוטע שילער האָט דער לערער ליב. 12. מיר שפּילן פוטבאָל. 13. דאָס בוך האָט מיין טאַטע געקויפט. 14. דאָס ברויט קען מען ניט עסן. 15. איך האָב אויסגעטאָן די שיך אין הויז.

אָביעקט פון ווטן מין

דער גוטער — דעם גוטן

אין אָביעקט פון ערשטן מין בייט זיך דער אַרטיקל: **דער** ווערט **דעם**, דער אַדיעקטיוו נעמט די ענדונג —ן.

אַרבעט 164.

שרייב זאַצן מיט די פאָלגנדיקע אַלס אָביעקטן:

1. דער אַלטער שניידער. 2. דער גוטער מאַן. 3. דער שוואַרצער טיש. 4. דער ליבער דאָקטער. 5. דער רויטער האָן. 6. דער יידישער מענטש. 7. דער הויכער בוים. 8. דער שטאָלצער אינדיק. 9. דער העלדישער יונג. 10. דער יונגער ברודער.

שיינער — שיינעם

1. דער **שיינער** פויגל זינגט — סוביעקט.
2. איך זע דעם **שיינעם** פויגל — אָביעקט.

ווען דער אַדיעקטיוו ענדיקט זיך מיט אַ —ן, קומט אין אָביעקט די ענדונג —**עם**.

אַרבעט 165.

שרייב זאַצן מיט די פאָלגנדיקע אַלס אָביעקטן:

1. דער אייזערנער טאָפּ. 2. דער קליינער שילער. 3. דער צעבראָכענער שפּיגל. 4. דער גלעזערנער לאָמפּ. 5. דער מעשענער גלאָק. 6. דער פאַרשוואונדענער מאַן. 7. דער גאָלדענער זייגער. 8. דער געפאַלענער שניי. 9. דער ריינער טעלער. 10. דער פיינער שרייבער.

אָביעקט פון 2טן און 3טן מין

1. **די גוטע כאַווערטע** איז אונדזער לערערין — סוביעקט
2. מיר האָבן ליב **די גוטע כאַווערטע** — אָביעקט

1. **דאָס קליינע קינד** וויינט — סוביעקט
2. איך זע **דאָס קליינע קינד** — אָביעקט

אין אָביעקט פון צווייטן און דריטן מין בלייבן די אַרטיקלען און די אַדיעקטיוון דיזעלבע וואָס אין סוביעקט.

אַרבעט 166.

שרייב זאַצן מיט די פאָלגנדיקע אַלס אָביעקטן:

1. די קלוגע לערערין. 2. דאָס אינטערעסאַנטע בוך. 3. די צע־בראָכענע טיר. 4. דאָס קאָרענע ברויט. 5. די גרויסע שטאָט. 6. דאָס ווייסע העמד. 7. די שוואַרצע באַנק. 8. דאָס שיינע דאָרף. 9. די גרויע קאָץ. 10. דאָס גרינע פעלד. 11. די קראַנקע שוועסטער. 12. דאָס ברייטע פענצטער.

אַרבעט 167.

שטעל אַריין די ריכטיקע ענדונגען ביי די אַרטיקלען און אַדיעקטיוון:

1. ד— פריילעכ— קינד וואַרפט הויך ד— שווער— באַל.
2. ד— רוסיש— פויערטום האָט געקעמפט קעגן ד— בייז— צאַר.
3. האָסטו עפּשער געזען ד— ניי— לערער?
4. ד— קוילן־גרעבער האָבן געוואונען ד— פאַרצויגענ— סטרייק.
5. ד— אָרעמ— מאַמע טראָגט ד— קראַנק— קינד אויף די הענט.
6. ד— לעצט— בריוו האָט ד— יונג— לערערין אַליין אָנגעשריבן.
7. ד— פלייסיק— פריידל האָט ליב צו לערנען ד— יידיש— גראַמאַטיק.
8. ד— זאַט— גלייבט ניט ד— הונגעריק —. (פאָלק־ווערטל.)
9. ד— לאָמפּ האָט ד— אַלט— שימען שוין ניט אָנגעצונדן.
10. ד— קליינ— הינטל טראָגט ד— שטיקל פלייש.
11. ד— אָנקל לייענט ד— יידיש— צייטונג.
12. מיין קליינ— ברודער איז אַ מאַזיק. ער האָט צעריסן ד— ניי— העפט, אויסגעגאָסן ד— רויט— טינט, צעבראָכן ד— גוט— פען, אַראָפּגעריסן ד— איינציק— קנעפּל פון זיין רעקל, און שיר ניט צעטראָגן ד— גאַנצ— הויז.

אַרבעט 168.

פֿאַרענדיק די זאַצן :

1.

שטעל אַריין דעם ווערב אין די א זאַצן און דעם אָביעקט אין די ב זאַצן.

א) דאָס אַלטע פענצטער ———

ב) ער צעבּרעכט ————

א) דער קראַנקער טאַטע ———

ב) דער דאָקטער היילט ———

א) די נייע לערערין ————

ב) מיר קענען ————

א) די אַלטע ביכער ————

ב) זיי באַהאַלטן ————

2.

שטעל אַריין דעם סוביעקט אין די א זאַצן און דעם סוביעקט און ווערב אין די ב זאַצן.

א) ———— איז זייער שיין

ב) ——— דעם נייעם טאַנץ

א) ——— האָט זיך געענדיקט

ב) — די וויכטיקע פֿאַרזאַמלונג

א) ——— איז זייער געשמאַק

ב) ——— דאָס קאָרענע ברויט

א) —— זיינען וואווילע קינדער

ב) ———— די יונגע שילער

די פּרעפּאָזיציע

כ'האָב ליב צו וואַנדערן **אין** פֿעלד,
ווען **פֿון** דעם פרילינג ווייזט זיך קוים אַ סימען,
און **אויפֿן** הימל ווינטער כמאַרעס שווימען...

ווען שטום נאָך איז דער ערשטער פֿויגל־כאָר,
נאָך ניט דערוואַכט דער זיסער פרילינג טומל,
ווען טיף **אין** דער ערד נאָך טוליען זיך **פֿון** קעלט
די וואָרצלען **פֿון** דעם ערשטן פרילינג בלימל.

(יעהויאָש.)

> די פּרעפּאָזיציע בינדט צונויף אַ נאָמען מיט אַן אַנדערן טייל פֿון זאַץ און ווייזט אָן אויף דער באַציאונג צווישן זיי.

די פּרעפּאָזיציעס וואָס מען נוצט אַממערסטן:

אונטער, אויסער, איבער, אין, זינט מיטן, אָן, אָנשטאָט, אויף, אַרום, ביי, ביז, בעשאַס, דורך, הינטער, וועגן, זייט, כּוץ, לויט, לעבן, מיט, נאָך, פֿאַר, פֿאַרביי, צו, צווישן, קעגן, קיין.

אַרבעט 169.

שרייב אָן זאַצן מיט די פֿאָלגנדיקע פּרעפּאָזיציעס:

אויסער, כּוץ, בעשאַס, לויט, אָנשטאָט, דורך.

אַרבעט 170.

שטעל אַריין די ריכטיקע פּרעפּאָזיציעס:

מיר וואוינען —— דער 12טער גאַס. —— אונדזער גאַס וואַקסן ניט קיין ביימער. די קינדער שפּילן זיך —— גאַס. מיר האָבן ניט קיין אַנדער שפּילפּלאַץ —— אונדזער געגנט. די קינדער —— מיין סקול האָבן באַשטימט עפּעס טאָן —— אַ שפּילפּלאַץ. מיר זיינען אַוועק —— דעם פּרינציפּאַל —— אונדזער סקול. —— אונדז זיינען אויך געגאַנגען עטלעכע מאַמעס. מיר האָבן אים דערציילט —— אונדזער לעבן און דער פּרינציפּאַל האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט —— אונדז קריגן אַ שפּילפּלאַץ. ער האָט אונדז געהייסן וואַרטן —— 2 וואָכן, —— דעם ערשטן יוני. ביז דעמאָלט, האָט ער געזאָגט, וועט ער אונדז באַזאָרגן מיט אַ שפּילפּלאַץ און מיר וועלן זיך שוין מער ניט דאַרפֿן שפּילן —— גאַס.

איבער דעם — איבערן

איבערן הויז פליט אַן עראָפּלאַן.
אונטערן טיש שלאָפט די קאַץ.

> איבער, אונטער, פאַר + **דעם** פאַרקירצט מען אויף:
> **איבערן, אונטערן, פאַרן** (אָן אַן אַפּאָסטראָף!).

אַרבעט 171-א.

פאַרקירץ:

1. בעשאַם דעם פייער בין איך ניט געווען אין הויז. 2. הינטער דעם וואַלד שפּילן זיך קינדער. 3. ביז דעם וועג גייען מיר צוזאַמען, נאָך דעם וועג צעשיידן מיר זיך. 4. אויף דעם דאַך שטייט אַ קוימען. 5. כּוץ דעם לערער איז נאָך אַ מאַן היינט געווען אין שול.

פון דעם — פונעם

פונעם קוימען גייט אַ רויך.

> אין, אָן, פון + **דעם** פאַרקירצט מען אויף: **אינעם, אָנעם, פונעם.** ביי, צו + **דעם** — אויף **ביים, צום.**

אַרבעט 171-ב.

פאַרקירץ:

1. ביי דעם הויז וואַקסט אַ בוים. 2. אין דעם בוך זיינען דאָ זייער שיינע מייסעס. 3. פון דעם פענצטער האָט מען אַרויסגעהאַנגען אַ פאָן. 4. אָן דעם אַרבעטער וואָלט גאָרנישט געווען. 5. ער גייט צו דעם דאָקטער. 6. ביי דעם וועלדל פליסט אַ טייכל. 7. אין דעם הויז רינט פון דעם דאַך און עס קאַפּעט פון דער סטעליע.

אַרבעט 172.

קלייב אויס פון די קלאַמערן די פּאַסיקע פּרעפּאָזיציע:

1. (צווישן, פאַר, אין מיטן) שטוב שטייט אַ טיש. 2. דער עראָפּלאַן פליט (נאָך, איבער, קיין) דער שטאָט. 3. מיר פאָרן (אין, צו, קיין) מעקסיקאָ. 4. אַ סאַך אינדיאַנער שוואַרטים לעבן (ביי, אין) מעקסיקאָ. 5. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן (ביי, פון, דורך) דעם סטודענטן-ראַט. 6. ער האָט זיך באַהאַלטן (אונטער, הינטער) דעם טיש. 7. זיי מאַרשירן איינער (אונטער, הינטער) דעם אַנדערן. 8. מיר זיינען געגאַנגען (צווישן, דורך) דעם וואַלד. 9. ער האָט זיך אַרומגעדרייט (צווישן, דורך, אין מיטן) מענטשן. 10. ער איז געווען (אין, ביי, צו) דעם פעטער אין הויז.

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

.1 איך האָב **אויף** אים געוואַרט —	I waited FOR him
.2 מיר זיינען געפֿאָרן **קיין** שיקאַגאָ —	We went TO Chicago
.3 זיי זיינען געפֿאָרן **מיט** דער שיף —	They went BY boat
.4 דאָס איז געשיקט געוואָרן **פֿון** לואין —	This was sent BY Louis

געדענק:
ניט אַלע מאָל נוצט מען אין יידיש די זעלבע פּרעפּאָזיציעס וואָס אין ענגליש.

אַרבעט 173.

זעץ איבער:

1. There is a big cellar under our house.
2. This letter was written by him.
3. The boats pass through the channel.
4. We went to Philadelphia by car.
5. Let's ask for a different book.
6. Hamlet was written by Shakespeare.
7. Why did you choose him instead of me?
8. Because of your laziness, we missed the play.
9. Airplanes fly over our city.
10. I looked for you, Ben. Here is a gift for you.
11. We stood at the door.
12. The poor family was without coal for the winter.

ר ע ב ו ס



צייט און דאַטעס

1. לינקאָלן איז געבוירן געוואָרן **דעם צוועלפטן** פעברואַר, 1809.
2. פערעץ איז געשטאָרבן **דעם זיבעטן** אַפּריל, 1915.
3. מיר פייערן **דעם ערשטן** מיי.

דאַטעס אויף יידיש קומען אַזוי: דער טאָג פריער, נאָך דעם דער מאָנאַט. נוץ אַלע מאָל דעם אָביעקטיוון בייג־פאַל, אַכוץ ווען די דאַטע איז דער סוביעקט פון זאַץ.

אַרבעט 174.

זעץ איבער:

1. January 7th.
2. March 12th.
3. The 1st of June.
4. July 4th.
5. November the 16th.

אַרבעט 175.

שרייב אָן זאַצן מיט די זאַצן פון אַרבעט 174.

●

ער האָט געאַרבעט צוויי וואָכן.
He worked for 2 weeks.

זי איז געבוירן געוואָרן דעם אַכצנטן אָקטאָבער.
She was born on October the 18th.

געדענק:
אין יידיש נוצט מען ניט קיין פּרעפּאָזיציעס ווען מ׳רעדט וועגן צייט.

אַרבעט 176.

זעץ איבער:

1. I rode for ten hours.
2. I waited for 25 minutes.
3. My mother came on the 4th.
4. He has not worked for six months.
5. The leaves are yellow in autumn.

6. When did you see him? On Friday.
7. I'll meet you at 2 o'clock.
8. Exactly at five we stop work.
9. He spoke for ten minutes.
10. The celebration will take place on Thursday, at 4 p.m.

כאַדאָשים אויף ייִדיש:

יאַנואַר	מיי	סעפּטעמבער
פעברואַר	יוני	אָקטאָבער
מערץ	יולי	נאָוועמבער
אַפּריל	אויגוסט	דעצעמבער

זונטיק בולבעס

זונטיק — בולבעס,
מאָנטיק — בולבעס,
דינסטיק און מיטוואָך — בולבעס,
דאָנערשטיק און פרייטיק — בולבעס,
שאַבעס אין אַ נאָווינע —
אַ קוגעלע פון בולבעס.
זונטיק — ווייטער בולבעס.

(פאָלקליד.)

ס'נעמט אים אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך.

אומדירעקטער אָביעקט מיט אַ פּרעפּאָזיציע

1. מיר רעדן **צו דעם אַלטן לערער** — צו וועמען רעדן מיר?

אומדירעקטער אָביעקט	סוביעקט
מיר רעדן צו דעם אַלטן לערער	דער אַלטער לערער לערנט

> אין דעם זאַץ איז דער נאָמען אַן **אומדירעקטער אָביעקט**.
> אַן אומדירעקטער אָביעקט נעמט ניט אויף זיך די טוּאונג פון זאַץ. (מען קען ניט זאָגן „דער אַלטער לערער ווערט גערעדט".)
> די טוּאונג **ציט זיך** צום אומדירעקטן אָביעקט און איז פאַר־בונדן מיט אים דורך אַ פּרעפּאָזיציע.
> דער אומדירעקטער אָביעקט ענטפערט אויף די פראַגעס: צו וועמען? צו וואָס? מיט וועמען, וואָס? איבער וועמען, וואָס? און אַזוי ווייטער.

אומדירעקטער אָביעקט פון ערשטן מין

באַמערק: די ענדערונגען אין דעם אַרטיקל און אַדיעקטיוו פון ערשטן מין זיינען די זעלבע אין אומדירעקטן אָביעקט ווי אין דעם דירעקטן.

אומדירעקטער אָביעקט	אָביעקט
מיר רעדן צו **דעם אַלטן** לערער.	איך זע **דעם אַלטן** לערער

אַרבעט 177.

גיב צו אַ פּרעפּאָזיציע און שאַף דעם אומדירעקטן אָביעקט פון די פאָלגנדיקע:

1. דער בלינדער שפּילער —— מיט דעם בלינדן שפּילער. 2. דער הויכער קלאָץ. 3. דער בליענדיקער גאָרטן. 4. דער לאַנגער לאָקש. 5. דער שטרויענער העלד. 6. דער בראַווער לייב. 7. דער קלוגער מאַן. 8. דער בלויער הימל. 9. דער נאַקעטער עמעס. 10. דער גרויער קאָפּ.

אומדירעקטער אָביעקט פון צווייטן מין

אומדירעקטער אָביעקט	סוביעקט
מיר וואוינען אויף דער ברייטער גאַס.	די ברייטע גאַס איז שיין

> **באַמערק:** אין צווייטן מין ענדערט זיך דער אַרטיקל פון **די** ווערט **דער** און צו דעם אַדיעקטיוו קומט צו אַ —ר.

אַרבעט 178.

גיב צו אַ פּרעפּאָזיציע און שאַף דעם אומדירעקטן אָביעקט:

1. די גוטע פרוי. 2. די גרויסע מילכאָמע. 3. די לאַנגע באַנק. 4. די פריילעכע שוועסטער. 5. די הויכע וואַנט. 6. די גאָלדענע קייט. 7. די קליינע הון. 8. די מיעסע שקלאַפעריי. 9. די העלדישע פרוי. 10. די ווייסע שיסל.

אומדירעקטער אָביעקט פון דריטן מין

אומדירעקטער אָביעקט	סוביעקט
זי שפּילט זיך מיט דעם שוואַרצן קעצל.	דאָס שוואַרצע קעצל ליגט.

> **באַמערק:** אין דריטן מין ענדערט זיך דער אַרטיקל: פון **דאָס** ווערט **דעם**, און צום אַדיעקטיוו קומט צו אַ —ן (פּונקט ווי אין ערשטן מין).

אַרבעט 179.

גיב צו אַ פּרעפּאָזיציע און שאַף דעם אומדירעקטן אָביעקט:

1. דאָס גוטע קינד. 2. דאָס רויטע קלייד. 3. דאָס בלויע אויג. 4. דאָס אָפענע מויל. 5. דאָס שאַרפע מעסער. 6. דאָס אינטערעסאַנטע בוך. 7. דאָס קלוגע וואָרט. 8. דאָס לעצטע זייטל. 9. דאָס בלאַנדע קעפּל. 10. דאָס באַפרייטע פּויערטום.

אַרבעט 180.

גיב דעם אומדירעקטן אָביעקט:

1. דער קילער אָוונט ________	וועגן ________
2. די גרויסע פּאַרם ________	אויף ________
3. דאָס קליינע לעמפּל ________	פון ________
4. די ברוינע קו ________	אויף ________
5. דער שטאַרקער לייב ________	פאַר ________
6. דאָס נייע קלייד ________	צו ________
7. די אַלטע הייזער ________	אין ________
8. די שמאָלע גאַס ________	איבער ________
9. דער אייזערנער האַמער________	מיט ________
10. דאָס קליינע טישל ________	אונטער ________

אַרבעט 181.

שרייב אָן 8 זאַצן מיטן אומדירעקטן אָביעקט פון די פאָלגנדיקע סובסטאַנטיוון:

1. דאָס פרייע לאַנד
2. די גרויסע בעקעריי
3. דער בלויער פויגל
4. די אומגליקלעכע הון
5. דער יונגער שילער
6. דאָס קלוגע קינד
7. די יידישע שול
8. דער שיינער קעמפ

אַרבעט 182.

שטעל אריין די פּאַסיקע אַרטיקל- און אַדיעקטיוו-ענדונגען:

1. ד— העלדיש— פרוי האָט ניט קיין מוירע געהאַט פאַר ד— שרעקלעכ— שטורעם.

2. מיט ד— טאַטן גייט ד— מאַמע, מיט ד— מאַמען גייט דער קליינ— מוליק, מיט מוליקן גייט די רויט— ריווקע, נאָך ריווקען לויפט ד— בילנדיק— לאַבזיקל.

3. ד— אַלט— אַרבעטער איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון ד— גרויס— פאַבריק.

4. ד— ערשטער מיי איז ד —יאָנטעוו פאַר די אַרבעטער פון ד— גאַנצ— וועלט.

5. פון ד— ווייט— בירא-בידזשאַן איז אָנגעקומען אַ פריילעכ— בריוו.

6. פון ד— אייגענ— פאַמיליע בין איך געוואָרן פאַרשעמט,
פון ד— אייגענ— ברודער בין איך געוואָרן פאַרפרעמדט.
(פון אַן אַלט פאָלקליד.)

אַרבעט 183.

שרייב זאַצן מיט די פֿאָלגנדיקע:

א) דער גוטער ברודער	דער גוטער שוועסטער
ב) דער אַלטער מאַן	דער אַלטער פֿרוי
ג) דער קלוגער פֿאָטער	דער קלוגער מוטער
ד) דער יונגער זון	דער יונגער טאָכטער
ה) דער רויטער האָן	דער רויטער הון.

אַרבעט 184.

שטעל אַריין די פּאַסיקע אַרטיקל- און אַדיעקטיוו-ענדונגען:

אין נאַכטיקע פֿעלדער

ס'ציען זיך שטום אין ד— ווייטקייט, ד— בלוי —,
פֿעלדער, באַוועבטע מיט קאָרן און לײַן,
זיי אָטעמען שטיל מיט אַ נאַכטיק— טרויער,
טרינקען זיך שטיל אין אַ מאַטאָוו— שײַן.

און לאַנג— און טונקעל— סטעזשקעס פֿון וועלדער
שוואַרצן זיך ווייט ביי ד— הימליש— זוים;
עס דאַכט: ס'האָט אַרומגעכאַפּט עמעץ די פֿעלדער
מיט אַ פֿאַרקישעפּט—, אייזערנ— צוים.

אַזוי ווי אַ ריז אַ געבויגענ—, אַלט—,
דרימלט אַן איינזאַמ— ציילעם ביים וועג;
עס דאַכט: אין זיין הילצערנ— האַרצן באַהאַלט ער
סוידעס פֿון אַלט—, פֿאַרשוואומענ— טעג...

ס'איז שטיל. אין נעץ פֿון כאַלוימעס געפֿאַנגען,
שלאָפֿט שוין די אָרעמ—, צאַרט— נאַטור,
נאָר צייטנווייז הערן זיך איינציק— קלאַנגען,
ס'רוישט ערגעץ וואו אַ פֿאַרשפּעטיקט— פֿור...

(לייב ניידוס.)

אומדירעקטער אָביעקט אָן אַ פּרעפּאָזיציע

1. ער גיט **דער נייער כאַווערטע** זיין העפט.
2. איך דאַנק **דעם קינד** פֿאַר דער שיינער מאַטאַנע.
3. זיי ענטפֿערן **דעם לערער**.

טייל ווערבן — ווי ווייזן, געבן, דערציילן, זאָגן, דאַנקען, צאָלן, שרייבן, העלפֿן און אַנדערע — נעמען דעם אומדירעקטן אָביעקט אָן אַ פּרעפּאָזיציע.

[קימאַט ביי די אַלע ווערבן פֿילט זיך אַז מ'קען אַריינשטעלן די פּרעפּאָזיציע צו.]

אַרבעט 185.

שטעל אַריין דעם אומדירעקטן אָביעקט:

1. מיר ווייזן [די יונגע שאָכנטע / דער יונגער שאָכן / דאָס יונגע קינד] [ ] אונדזערע נייע ביכער.
2. זיי באַצאָלן [דער גוטער שאָפֿער / די גוטע פֿרוי] [ ]
3. ער דערציילט [דער גאַנצער קלאַס / די גאַנצע פֿאַרזאַמלונג] [ ] וועגן זיינע קינדער-יאָרן.
4. אַלע מענטשן זיינען קעגן [די שרעקלעכע נויט / דער שרעקלעכער הונגער] [ ]
5. גיי, זאָג [די מאַמע / דער טאַטע] [ ] אַז איך שרייב [די שוועסטער / דער ברודער] [ ] אַ בריוו.
6. אונדזער שול האָט געגעבן [דער נייער קלוב / די צווייטע שול] [ ] אַ שיינע מאַטאַנע.
7. ענטפֿער [דאָס קינד / דער זיידע / די באָבע] [ ] אויף דער פֿראַגע.
8. מען דאַרף [די קלוגע שוועסטער / דער קראַנקער ברודער / דאָס קראַנקע קינד] [ ] אויפֿנייען אַ נייעם מאַנטל.

אַרבעט 186.

שרייב אַרויס אַלע סובסטאַנטיוון און ווייז אָן זייער פּלאַץ אין זאַץ: סוביעקט, אָביעקט אָדער אומדירעקטער אָביעקט.

די אָנגעגליטע ערד האָט זיך געקילט, אָנגעפּילט די לופט מיט אַ וואַרעמקייט, וואָס האָט געטריקנט אין האַלדז, געקלעפּט די אויגן. אויפן זאַמדיקן וועג האָבן זיך באַוויזן עטלעכע שאָטנס.

— מען קומט, דאַכט זיך, פון פעלד, האַ? — האָט דער אַלטער נעגער אָנגעשטעלט אַן אויער. — זאָל דאָס זיין בוקערט?

— זיידע, דאָס איז ניט בוקערט — האָט דאָס אייניקל פרעד אָנגעכאַפּט דעם אַלטן פאַרן האַנט. — דאָס קומט אָן דער שעריף מיט נאָך עטלעכע מענטשן.

— ווער, דער שעריף? — האָט דער אַלטער זיך אויפגעשטעלט מיט אַ קרעכץ און גענומען רופן די טאָכטער. — קיטי, קיטי, וואָס זאָגסטו, וואָס דער שעריף קומט צו אונדז אַזוי שפּעט, האַ?

אָן איבערגעשראָקענע איז קיטי געשטאַנען. נאָכדעם איז זי מיטן אַלטן אַרויס פון שטוב.

פאַר דער שטוב איז געשטאַנען דער שעריף, ניט קיין הויכער יונגערמאַן, דאַר און בייגיק; אויפן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ ביקס. מיט אים זיינען געשטאַנען דריי מיטליעריקע פאַרמער.

— גוד־איוונינג, דזשים! — האָט דער שעריף וואוילעריש באַגריסט דעם אַלטן.

— גוד־איוונינג, קעפּטן! — האָט זיך דזשים פאַרנייגט און געוויזן אויף דער אָפענער טיר. — אָנגעלייגטע געסט!

(י. אָפּאַטאָשו.)

באַמערק:

איין ווערב קען נעמען 2 אָביעקטן, אַ דירעקטן און אַן אומדירעקטן:

איך שרייב דעם לערער אַ בריוו. דעם לערער — אומדירעקטער אָביעקט.

וועמען (צו וועמען) שרייב איך? — דעם לערער.

אַ בריוו — דירעקטער אָביעקט. וואָס שרייב איך? — אַ בריוו.

ר ע ב ו ס



נעמען וואָס בייטן זיך ביים בייגן

דער לערער האָט דערציילט וועגן לינקאָלנען.
איך רעד מיט דזשעניך.
האָסט געלייענט דזשעק לאָנדאָנען?
ער האָט געזען דעם טאַטן.

טייל נעמען (ווי ייד, מענטש, טאַטע, זיידע) און אַלע אייגן־נעמען (נעמען פון מענטשן) נעמען אַ —ן אין אומדירעקטן אָביעקט און אָביעקטיוון בייגפאַל. —ען, ווען די נעמען ענדיקן זיך מיט —ם, —ן אָדער אַ —ל נאָך אַ קאָנסאָנאַנט (כייעמען, דזשאַנען, מירלען).

אַרבעט 187.

גיב צו די סובסטאַנטיוון אין ריכטיקן בייגפאַל:

1. וואָס ווייסטו וועגן (דזשעפערסאָן)?
2. האָסטו געזען (מוישע)?
3. איך האָב געטראַכט וועגן (מאַרקס).
4. האָסטו געלייענט (שעקספּיר)? ניין. אָבער איך האָב געלייענט (שאָלעם-אַליכעם).
5. איך האָב דערציילט (טאָם) וועגן אונדזער פּלאַן.
6. סעם האָט קיינמאָל ניט געהערט וועגן (שפּינאָזע).

אַרבעט 188.

שטעל אַריין די ענדונגען:

1. איך רעד מיטן טאַט— וועגן מיין זייד—.
2. מיר האָבן געזען אַ ייד—, איז ער געווען זייער ענלעך צו מענאַכעם-מענדל—.
3. דו האָסט געלייענט דאַרווינ—? וואָס זאָגט ער: אַ מענטש קומט פון אַ מאַלפּע, צי אַ מאַלפּע קומט פון אַ מענטש—?
4. מיט וועמען האָסטו גערעדט? מיט וועמען האָב איך ניט גערעדט? מיט בעני— און מיט פּעני—, מיט בערל— און מיט שמערל—, מיט ליפּע— און מיט ציפּע—, מיט אַלעמען.

פּאָסעסיוו

1. **דעם אַלטן לערערס** רעדע האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.
2. **דער גוטער מאַמעס** קינד איז ניט זייער גוט.
3. **דעם נייעם שילערס** ביכער זיינען ניט ריין.

> אין די זאַצן קומען די סובסטאַנטיוון אין **פּאָסעסיוו**. דער פּאָסעסיוו באַצייכנט **אָנגעהעריקייט** (וועמעס ביכער? דעם גוטן שילערס ביכער = ביכער וואָס געהערן צום גוטן שילער).

ווי פֿאָרמירט מען דעם פּאָסעסיוו? פונקט ווי דעם אומדירעקטן אָביעקט, נאָר צום נאָמען קומט צו אַ —ס (אָן אַן אַפּאָסטראָף!):

אומדירעקטער אָביעקט		**פּאָסעסיוו**
די בליקן פון **דעם בייזן היטער**	—	**דעם בייזן היטערס** בליקן.
דער מאַן פון **דער יונגער שוועסטער**	—	**דער יונגער שוועסטערס** מאַן.
דאָס פּייקל פון **דעם קליינעם קינד**	—	**דעם קליינעם קינדס** פּייקל.

אַרבעט 189.

פֿאָרמיר דעם פּאָסעסיוו פון די פֿאָלגנדיקע אומדירעקטע אָביעקטן:

1. די ביכער פון שאָלעם-אַלייכעם = שאָלעם-אַלייכעמס ביכער. 2. די צאָרעס פון דעם לערער. 3. די קאָמפּאָזיציע פון דעם קינד. 4. די העלדישע טאַטן פון באַר-קאָכווע. 6. דער טויט פון סאַקאָ און וואַנזעטי. 7. די באַרשט פון דעם אַלטן פאַרבער. 8. די מאַשין פון דער אָרעמער נייטערקע. 9. די רייזעס פון בּיניאָמין דעם דריטן. 10. די אַוואַנטורעס פון טאָם סאָיער. 11. די רייד פון דער ליבער מאַמע. 12. אונטער דער פירערשאַפט פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

אַרבעט 190.

פאָרמיר דעם פּאָסעסיוו פון די פאָלגנדיקע :

1. די אַלטע מוטער. 2. דאָס קליינע הענטל. 3. די יונגע שוועסטער. 4. דער רויטער אינדיק. 5. דאָס ברוינע פערד. 6. די שטילע מוזיק. 7. דער קלוגער פירער. 8. דאָס טומלדיקע קליינוואַרג. 9. די פּאַפּירענע שלאַנג. 10. דער קראַנקער מוזיקאַנט.

מען זאָגט : דעם טאַטנס, דעם יידנס, דעם מענטשנס, דעם זיידנס (בלויז ביי די סובסטאַנטיוון, ווייל זיי האָבן די נון אין דער אומדירעקטער אָביעקט פאָרם).

מאַרקס ביכער — ניט מאַרקסעס ביכער.

פערעצעס לידער — ניט פערעצס לידער.

אַרבעט 191.

גיב דעם פּאָסעסיוו (אין זאַצן) פון די פאָלגנדיקע :

1. די קינדער פון דעם טאַטן. 2. די לופט געשעפטן פון דעם יידן. 3. די באָרד פון דעם אַלטן זיידן. 4. דאָס לעבן פון דעם מענטשן. 5. דער עק פון דער קאַץ.

עס וויים די קאַץ וועמעס פלייש זי האָט אויפגעגעסן. (שאָלעם־אַליי כעם.)

בייגפאַלן
(דעקלינאַציע)

ערשטער מין

סוביעקט — דער אַלטער אַרבעטער אַרבעט ניט.
אָביעקט — איך קען דעם אַלטן אַרבעטער.
אומד. אָביעקט — איך רעד מיט דעם אַלטן אַרבעטער.
פּאָסעסיוו — דעם אַלטן אַרבעטערס קליידער זיינען גרוי.

צווייטער מין

סוביעקט — די יונגע כאַווערטע איז אין מיין קלאַס.
אָביעקט — איך זע די יונגע כאַווערטע.
אומד. אָביעקט — ער העלפט דער יונגער כאַווערטע.
פּאָסעסיוו — דער יונגער כאַווערטעס ביכער זיינען ניי.

דריטער מין

סוביעקט — דאָס בלייכע קינד איז הונגעריק.
אָביעקט — ער שפּייזט דאָס בלייכע קינד.
אומד. אָביעקט — די מוטער גייט מיט דעם בלייכן קינד.
פּאָסעסיוו — דעם בלייכן קינדס פּאָטער איז אַוועק.

מערצאָל

סוביעקט — די גוטע שילער לערנען.
אָביעקט — ער לערנט די גוטע שילער.
אומד. אָביעקט — מיר רעדן וועגן די גוטע שילער.
פּאָסעסיוו — די גוטע שילערס איבונגען זיינען ריכטיק.

די ענדערונג וואָס קומט פאַר אינעם אַרטיקל און אַדיעקטיוו, וועלכע קומען מיטן סובסטאַנטיוו, רופט מען **בייגפאַלן.**

די ענדערונג ווענדט זיך אַלע מאָל פונעם פלאַץ וואָס דער סובסטאַנטיוו פאַרנעמט אין זאַץ: צי ער איז אַ **סוביעקט, אָביעקט** אָדער **אומדירעקטער אָביעקט**, צי ער איז אַ **פּאַסעסיוו.**

די בייגפאַלן הייסן: סוביעקטיווער בייגפאַל, אָביעקטיווער בייגפאַל, אומדירעקטער בייגפאַל, און פּאָסעסיווער בייגפאַל.

[ס'איז קעדיי צו וויסן: די בייגפאַלן האָבן אויך אַנדערע נעמען: סוביעקטיווער = נאָמינאַטיוו, אָביעקטיווער = אַקוזאַטיוו, אומ־דירעקטער אָביעקט = דאַטיוו, פּאָסעסיווער = גענעטיוו.]

אַרבעט 192.

בייג אין זאַצן (ווי די אויבנדיקע):

דער בראַווער יונג.	דאָס געבאַקענע ברויט.
די אַמעריקאַנישע פאָן.	די מידע מענטשן.

אַרבעט 193.

זעץ איבער פון ענגליש:

1. The old woman lived in a torn shoe.
2. Eugene Victor Debs was thrown into prison because he opposed the war.
3. My uncle lives in the Jewish Autonomous Region, Biro-Bidjan.
4. My father works in a very big factory.
5. Let us go with the teacher to the exhibition.
6. Thomas Paine was a wise man. He taught the American people how to free themselves from their oppressors.
7. The strong union won for the workers higher wages and shorter hours.
8. I wrote the same composition three times.
9. The people fought for freedom and democracy.
10. The scientist gave his life for his new invention.

פּערזאָניקע פּראָנאָמענס

די אַרבעט טרייבט **מיך** פרי אַרוים
און לאָזט **מיך** שפּעט צוריק:
אָ, פרעמד איז **מיר** מיין אייגן לייב,
אָ, פרעמד מיין קינדהם אַ בליק!

(מ. ראָזנפעלד.)

די פּערזאָניקע פּראָנאָמענס — איך, דו, ער, זי, מיר, איר, זיי — האָבן די זעלבע בייגפאַלן ווי די סובסטאַנטיוון.

	איינצאָל				מערצאָל		
סוביעקט:	איך	דו	ער	זי	מיר	איר	זיי
אָביעקט:	מיך	דיך	אים	זי	אונדז	אייך	זיי
אומד. אָביעקט:	מיר	דיר	אים	איר	אונדז	אייך	זיי

אַרבעט 194.

קלייב אויס דעם ריכטיקן פּראָנאָמען:

1. זי גיט (מיר—מיך) דאָס בוך. 2. ער שלאָגט (דיר—דיך). 3. האָסט (איר—זי) געזען? 4. איך האָב מיט (דיך—דיר) ניט גערעדט. 5. לאַך ניט פון (מיך—מיר). 6. גיב (זי—איר) דאָס בוך. 7. אַ דאַנק (דיר—דיך), מיין פריינט. 8. ער ברענגט (מיך—מיר) אַ מאַטאָנע. 9. איך לערן (זי—איר) שרייבן יידיש. 10. מאָטל האָט געזאָגט „(מיר—מיך) איז גוט, איך בין אַ יאָסעם.“ 11. די קינדער זינגען אַזאַ לידל: „איך זע (דיר—דיך), מיין כאַווער.“

אַרבעט 195.

שרייב אַריין דעם פּראָנאָמען אין זיין ריכטיקן בייגפאַל:

א) ניט זוך (איך), וואו די פייגל זינגען,
געפינסט (איך) דאָרטן ניט, מיין שאַץ. (ראָזנפעלד.)

ב) זאָג (איך), שניידער, ליבינקער און גוטער,
גיט (דו) די נאָדל געניג אויף ברויט מיט פּוטער? (פאָלקליד.)

ג) קום צו (איך) אין קעמערל,
וועל איך (דו) עפּעס ווייזן. (פֿאָלקליד.)

ד) איך וועל (איר) בעטן, אַז איר זאָלט (איך) צורו לאָזן.

ה) איך גיי מיט (זי) און מיט (ער).

ווער, יענער, עמעצער

סוביעקט :	ווער	יענער	עמעצער
אָביעקט :	וועמען	יענעם	עמעצן
אומד. אָביעקט :	וועמען	יענעם	עמעצן
פּאָסעסיוו :	וועמעס	יענעמס	עמעצנס

באַמערק: מערסטן פֿראָנאָמענס האָבן די זעלבע 3 פֿאָרמען פֿאַרן ערשטן, צווייטן און דריטן מין ווי יעדער אַדיעקטיוו (יענער מאַן, יענע פֿרוי, יענעם קינד), און מען בייגט זיי פּונקט ווי אַדיעקטיוון. [עמעצער, ווער, וואָס — האָבן בלויז איין פֿאָרמע פֿאַר אַלע 3 מינים.]

אַרבעט 196.

שרייב אַריין די פּאַסיקע בייגפֿאַלן :

1. (ווער) האָסטו געזען ? (עמעצער). 2. ווערסט נאָך (עמעצער) צעשלאָגן. 3. גיי מיט (יענער) מאַן. 4. (ווער) שיך זיינען דאָס ? 5. פֿון (יענער) אַרבעט טאָר מען ניט רייך ווערן. 6. מיט (ווער) רעדסטו ? מיט (עמעצער). 7. (ווער) ביסטו, יינגעלע ? מיין מאַמעס. 8. (ווער) גייט עס ? (עמעצער). 9. איך האָב געזען (יענער) מאַן. 10 (עמעצער) ברילן זיינען געבליבן אויפֿן טיש.

מיט יענעמס הענט איז גוט פֿייער צו שאַרן.

אַדוועַרב

איך זיץ. — איך זיץ **רואיק, שטיל.**
איך רעד. — איך רעד **גיך, האַסטיק.**

> רואיק, שטיל, גיך, האַסטיק -- זיינען **אַדוועַרבן.**
> דער אַדיעקטיוו ציט זיך צום סובסטאַנטיוו, דער אַדוועַרב— צום ווערב, צו אַן אַדוועַרב, אָדער צו אַן אַדיעקטיוו. דער אַדוועַרב האָט בלויז איין פאָרם און בייט זיך נישט.

הערי איז אַ **גוטער** שילער. — הערי לערנט זיך **גוט.**
מערי איז אַ **שלעכטע** שילערין. — מערי לערנט זיך **שלעכט.**
רוט איז אַ **קלוג** קינד. — רוט רעדט **קלוג.**

רעכטס זיינען אַדיעקטיוון. לינקס זיינען אַדוועַרבן.

געדענק: ווען דער אַדוועַרב שטייט ביים ווערב, באַצייכנט ער דעם אויפן פון דער טואונג. דער אַדוועַרב ענטפערט אויף דער פראַגע: ווי אַזוי?

אַרבעט 197.

שרייב אַרויס די אַדוועַרבן מיט די ווערטער צו וועלכע זיי ציען זיך און די אַדיעקטיוון מיט זייערע סובסטאַנטיוון:

אויפן ברעג פון טייך זיץ איך, אין שאָטן פון וואַלד.

בלוטיק איז אונטערגעגאַנגען די זון, זילבערן בלאַס איז אַרויס־געשוואומען די לעוואָנע.

שטיל רוישן די בלעטער, שטיל ציטערן די וואַסער־רעדלעך אויפן טייך.

שטיל גיסן אויס די בלומען זייער אָטעם, שטיל... פון וויטן טרילערט עפּעס אַ פויגל.

איך זיץ ווי פאַרקישעפט. איך אָטעם אויף אַ נייער וועלט, אין אַן אַנדערער, ריינער לופט. פריש איז דאָ אַלץ און ניי...

אַ שוואַרצער פלעק באַווייזט זיך אויפן טייכל — אַ קליין פישער־שיפל.

(י. ל. פרעץ.)

אַרבעט 198.

שרייב אָן זאַצן מיט די פאָלגנדיקע אַדוועַרבן:

קלוג, נאַריש, היים, קאַלט, פרעמד, נאָענט, פויל, ענערגיש, געטריי, העלדיש, טרויעריק, פריילעך, מיעס, שיין, שטאָלץ.

שטיל וואַסער גראָבט טיף

פֿאַרגלייך־גראַדן פֿון אַדווערבן

מערי רעדט **הויך**. רוט רעדט **העכער**. הערי רעדט **אַמהעכסטן**.
ווועלוול גייט **שנעל**. יאַנקל גייט **שנעלער**. בערל גייט **צום שנעלסטן**.

> אַדווערבן, וועלכע זיינען ענלעך צו אַדיעקטיוון, האָבן די זעלבע 3 פֿאַרגלייך־גראַדן: **פּאָזיטיוו** (הויך, שנעל), **קאָמפּאַראַטיוו** (העכער, שנעלער) און **סופּערלאַטיוו** (אַמהעכסטן, צום שנעלסטן). די גראַדן ווערן פֿאָרמירט ווי ביי אַדיעקטיוון, נאָר דער סופּערלאַטיוו קריגט דעם פּרעפֿיקס **אַם** אָדער **צום**. **צום** שרייבט מען באַזונדער.

אַרבעט 199.

שטעל צו דעם קאָמפּאַראַטיוו און סופּערלאַטיוו צו די פֿאָלגנדיקע אַדווערבן:

פּאָזיטיוו	קאָמפּאַראַטיוו	סופּערלאַטיוו
קלוג	________	________
שיין	________	________
פייכט	________	________
טרויעריק	________	________
פֿריילעך	________	________
געזונט	________	________
גוט	________	________
שלעכט	________	________
יונג	________	________
אַלט	________	________

אַמאָל איז ער **דאָ**, אַמאָל איז ער **דאָרט**.
קומט ער ניט **היינט**, קומט ער **מאָרגן**.

אויף וועלכע פֿראַגן ענטפֿערן די אונטערגעשטראָכענע ווערטער?

> פֿאַראַן **אַדווערבן**, וואָס באַצייכענען **די צייט** אָדער **דאָס אָרט** פֿון דער טואונג. זיי ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס: ווען? וואו? וואוהין? די אַדווערבן זיינען ניט ענלעך צו אַדיעקטיוון.

אַרבעט 200.

מאַך זאַצן מיט די אַדווערבן:

אַהער	אַמאָל	דעמאָלט	דערנאָך	דערביי	צוזאַמען
אַהין	אַהיים	דעריבער	דערמיט	דערפאַר	באַזונדער.

געדענק ווי צו שרייבן:

איך גיי אַהיים. **איך האָב אַ היים.**

דאָס איז געווען אַמאָל. **איך האָב שוין געשריבן אַ מאָל פינף.**

רעכטס איז: אַהיים, אַמאָל — אַדווערבן, שרייבט מען צוזאַמען.
לינקס איז: אַ היים, אַ מאָל — סובסטאַנטיוון, שרייבט מען באַזונדער.

אַרבעט 201.

געדענק די באַדייטונג פון די אַדווערבן:

אייערנעכטן	היי־יאָר	צופוסנס	ערגעץ
איבערמאָרגן	פאַראַיאָרן	צוקאָפּנס	פּלוצלונג
פאַראַכטאָגן	איבעראַיאָר	אומעטום	אומזיסט.

אַרבעט 202.

שטעל צונויף צוויי קאָלומס: אַדווערבן ענלעכע צו אַדיעקטיוון און אַנדערע אַדווערבן:

מיין יינגעלע

איך האָב אַ קליינעם יינגעלע,
אַ זונעלע גאָר פיין!
ווען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מיין!

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מיין שיינעם ווען ער וואַכט;
איך טרעף אים טאָמיד שלאָפנדיק,
איך זע אים נאָר ביינאַכט.

די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק.
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב,
אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פינצטערניש געהילט.
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט,

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמע, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מיין גוטער, גוטער פּאַ?"

איך קוש די בלויע אייגעלעך,
זיי עפענען זיך: „אָ, קינד!"
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך
און שליסן זיך געשווינד.

(מ. ראָזענפעלד.)

אומפּערזענלעכע פּראַזעס

I am very cold.	מיר איז זייער קאַלט —
He likes the book.	דאָס בוך געפֿעלט אים —
She is very sorry.	עס פֿאַרדריסט זי זייער —

אַנשטאָט דעם ענגלישן סוביעקט און פּרעדיקאַט, נוצט מען אין ייִדיש אין די פֿאַלן אַן **אומפּערזענלעכע פּראַזע** (**עס** איז קאַלט, **עס** געפֿעלט, **עס** פֿאַרדריסט) + אַ פּערזאָניקן פּראָנאָמען אין אומדירעקטן פֿאַל (טיילמאָל אין דירעקטן).

אַרבעט 203.

בייג אין אַלע פּערזאָנען:

עס אַרט מיך ניט | עס פֿאַרדריסט מיך | עס געלינגט מיר

אַרבעט 204.

זעץ איבער:

1. How did you like the play? 2. My leg hurts. 3. She is sorry that she disturbed the meeting. 4. He is very well off. 5. The rich go to Florida, so they are warm even during the winter. 6. Little Abie is very cold, because he has no coat. 7. She succeeded in writing a good composition. 8. She was short of money. 9. We are very hot today. 10. We are having a very hot summer. 11. Sammy doesn't care whether he gets a good mark or not. 12. You don't care about your work, do you?

געדענק די פּראַזעס: עס גייט מיר גוט, שלעכט, נישקאָשע; עס פֿעלט מיר; עס טוט מיר וויי; עס געלינגט מיר; עס אַרט מיך; עס פֿאַרדריסט מיך; עס געפֿעלט מיר; עס איז מיר קאַלט, וואַרעם, שלעכט, גוט און אַז. וו.

דער אַלעפביים

א	ז	ל	פּ־ף
ב	ח	מ־ם	צ־ץ
ג	ט	נ־ן	ק
ד	י	ס	ר
ה	כּ	ע	ש־שׂ
וו	כ־ך	פּ	תּ־ת

אַ, אָ, ו, וי, ײ, ײַ, טש, זש, דזש.

די בוכשטאַבן ח, כּ, תּ, ת קומען נאָר אין העברייאישע ווערטער.

ב אין העברייאיש איז אויך וו. לעמאָשל: חבר =כאַוועד, גנב = גאַנעוו (בלויז ווייניק העברייאישע ווערטער האָבן ו אַלס אַ וו: אַוודאי, ווידוי).

ח ווערט אין העברייאישע ווערטער גענוצט ווי אַ כ. אַלע העברייאישע ווערטער, וואָס פ אַ נ ג ע ן ז י ך אָ ן מיטן קלאַנג כ, שרייבט מען מיט אַ ח. לעמאָשל: חבר, חדר, חרטה און אַז. וו.

ווען ביים סאָף וואָרט איז דאַ דער קלאַנג עך, שרייבט מען ח. לעמאָשל: כוח = קויעך, מוח = מויעך.

כּ ווערט אָפט גענוצט אין העברייאיש אַלס ק: כשר, כעס.

שׂ איז טיילמאָל אין העברייאיש אַ ס: שונא = סוינע.

תּ = ט. לעמאָשל: תּלמיד, תּמיד, מתּנה.

ת = ס, בלויז צום סאָף וואָרט: אמת = עמעס, מתנות = מאַטאָנעס. (אַלע מערצאָלן פון העברייאישע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך אויף —עס, שרייבט מען ות: בהמות, גנבות, צרות.)

אַלעף — איינגעמאַכטס

אַלעף — איינגעמאַכטס עסט דער נאָגיד,
בייז — ביינדעלעך גריזשעט דער אָרעמאַן.
גימל — גענדזועלעך עסט דער נאָגיד,
דאַלעד — דאַלעס האָט דער אָרעמאַן.
היי — הינדעלעך געפּרעגלטע עסט דער נאָגיד,
וואָוו — וויטיקן האָט דער אָרעמאַן.
זייען — זעמל מיט פּוטער עסט דער נאָגיד,
כעס — כאַלאַסן האָט דער אָרעמאַן.
טעס — טייבעלעך געבראָטענע עסט דער נאָגיד,
יוד — יסורים האָט דער אָרעמאַן.
קאָף — קאַלאַשן טראָגט דער נאָגיד,
לאַמעד — לאַפּטשעס טראָגט דער אָרעמאַן.
מעם — מאַשקע טרינקט דער נאָגיד,
נון — ניכטער איז דער אָרעמאַן.
סאַמעך — סאַמעטענע קליידער טראָגט דער נאָגיד,
אייען — אָפּגעריסן גייט דער אָרעמאַן.
פּיי — פּופּקעס געבראָטענע עסט דער נאָגיד,
צאַדיק — צאָרעס האָט דער אָרעמאַן.
קוף — קאָטלעטן געפּרעגלטע עסט דער נאָגיד,
רייש — רעטעך גריזשעט דער אָרעמאַן.
שין — שמעקעדיקע פּאַפּיראָסן רויכערט דער נאָגיד,
טאָף — טוטין פּיפּקעט דער אָרעמאַן.

(פֿאָלקליד.)

פ ו ן א ב י ז ת

ווערטער־ביכל

א

א — אַלעף

אברהם (אַווראַם) — אַ נאָמען

אָדם (אָדעם) — אַ נאָמען

אדרבה (אַדראַבע) — נאָך בעסער

אוודאי (אַוואַדע) — געוויס, זיכער

אופן (אויפן) — אַרט, ווי אַזוי

אות (אַס) — בוכשטאַב, letter

אותיות (אויסיעס) — מערצאָל פון אָס

אחריות (אַכרייעס) — פאַראַנטוואָרטלעכקייט

אימה (אֵיימע) — שרעק

אכזר (אַכזער) — אַ האַרטער מענטש, אָן געפיל

אכזריות (אַכזאָריעס) — שלעכטקייט, cruelty

אליהו (עליע) — אַ נאָמען

אלמן (אַלמען) — אַ מאַן, וואָס זיין פרוי איז געשטאָרבן

אלמנה (אַלמאָנע) — אַ פרוי, וואָס איר מאַן איז געשטאָרבן

אלף־בית (אַלעפבייס) — אַלפאַבעט

אמת (עמעס) — וואָר, ריכטיק

אסתר (עסטער) — אַ נאָמען

אפיקורס (אַפּיקוירעס) — אַ ניטגלויביקער, אַטעאיסט

אפילו (אַפילע) — מעגלעך, even

ארץ ישראל (ערעץ ייסראַעל) — פאַלעסטינע

ב

ב — בייס

בדלות (בעדאַלעס) — אָרעם

בהלה (בעהאָלע) — צעטומלעניש

בהמה (בעהיימע) — אַ באַשעפעניש, cattle

בושה (בושע) — אַ שאַנד

בחור (באָכער) — אַ דערוואַקסן יינגל, lad

בחורים (באָכערים) — מערצאָל פון באָכער

בחינם (בעכינעם) — אומזיסט

ביזיון (ביזאָיען) — אַ שאַנד

בית המדרש (בעסמעדרעש) — אַ פלאַץ צו דאַוונען און צו לערנען רעליגיע

בית המקדש (בעסמיקדעש) — דער אַמאָליקער טעמפל אין פאַלעסטינע

בית עולם (בעסוילעם) — cemetery

בכיוון (בעקיוון) — purposely

בכלל (ביכלאַל) — אין אַלגעמיין

בלבול (בילבל) — אַן אויסגעטראַכטע באַשולדיקונג, frame-up

בן יחיד (בעניאָכיד) — אַן איינציקער זון

בנוגע (בענוגייע) — וואָס אָנבאַלאַנגט, concerning

בפרט (ביפראַט) — ספּעציעל

בקיצור (בעקיצער) — אין קורצן

ברוגז (ברויגעז) — צעקריגט

בריה (בעריע) — געשיקט, cracker-jack

ברירה (ברײרע) — אויסוואַל

בר־מצווה (באַרמיצווע) — רעליגיעזע צערעמאָניע פאַר אַ יינגל, וואָס ווערט אַלט 13 יאָר.

בשורה (בסורע) — נייעס

בת־יחידה (באַסיעכידע) — אַן איינציקע טאָכטער

ג

ג — גימל

גאווה (גייווע) — גרויסהאַלטן זיך

גאון (גאָען) — געניאַליער מענטש

גבורה (גוואורע) — שטאַרקייט, קראַפט

גביר (גוויר) — אַ רייכער

גדולה (געדולע) — אַ סימכע, אַ פרייד

גוזמא (גוזמע) — איבערטרייבונג, exaggeration

גולם (גוילעם) — אַן אידיאָט

גורל (גוירל) — fate

גזלן (גאַזלען) — אַ רויבער

גזרה (גזיירע) — אַ דעקרעט צו אונטערדריקן

גט (געט) — divorce

גיבור (גיבער) — אַ שטאַרקער, אַ ריז

גיהנום (געהענעם) — hell

גלות (גאָלעס) — פאַרטריבן ווערן, exile

גלח (גאַלעך) — אַ פריסטער

גמרא (געמאָרע) — רעליגיעזער יידישער בוך

גן־עדן (גאַניידן) — heaven

גנב (גאַנעוו) — thief

גנבה (גנייווע) — דאָס גאַנווענען

גנבות (גנייוועס) — מערצאָל פון גנייווע

גנבים (גאַנאָווים) — מערצאָל פון גאַנעוו

ד

ד — דאַלעד

דאגה (דייגע) — זאָרג

דבורה (דוואוירע) — אַ נאָמען

דוד (דאָוויד) — אַ נאָמען

דווקא (דאַפקע) — דורכויס

דוחק (דויכעק) — scarcity

דור (דאָר) — generation

דירה (דירע) — אַ וואוינונג

דלות (דאַלעס) — אָרעמקייט, נויט

דניאל (דאָניעל) — אַ נאָמען

דעה (דייע) — אַ מיינונג

דרך־ארץ (דערעכערעץ) — רעספעקט

דרשה (דראָשע) — רעליגיעזע רעדע (אויך: פוסטע רעדע)

דרשענען (דאַרשענען) — רעדן אין דער וועלט אַריין

ה

ה — היי

היזק (העזעק) — אַ שאָדן

הכלל (האַקלאַל) — נו

הלואי (האַלעווייי) — אַן אויסדרוק פון אַ וואונטש

הלוואה (האַלוואָע) — loan

המון (האַמוין) — מאַסע

הנאה (האַנאָע) — — — פאַרגעניגן
העזה (האָזע) — — — כוצפע, insolence
הפקר (העפקער) — — — פאַרלאָזן, אומפאַראַנטוואָרטלעך
הצלחה (האַצלאָכע) — — — גליק, כּאַזל
הרגענעז (האַרגענען) — — — שלאָגן, טויטן
השכלה (האַסקאָלע) — — — אויפקלערונג; אַ באַוועגונג ביי יידן אין 19טן יאָרהונדערט פאַר בילדונג.

ו — וואָוו

וידוי (ווידע) — — — confession

ז — זייען

זיכרון (זיקאָרן) — — — memory
זכר (זייכער) — — — אַן איבערבלייבעניש
זכר (זאָכער) — — — male
זכרים (זכאָרים) — — — מערצאָל פון זאָכער
זמן (זמאַן) — — — טערמין
זקן (זאָקן) — — — אַן אַלטער מאַן
זקנה (זקיינע) — — — אַן אַלטע פרוי
זקנות (זקיינעס) — — — מערצאָל פון זקיינע
זקנים (זקיינים) — — — מערצאָל פון זאָקן

ח — כעס

חבר (כאַווער) — — — קאַמעראַד, פריינט
חברה (כעווריע) — — — אַ גרופּע
חברטע (כאַווערטע) — — — 2טער מין פון כאַווער
חבריש (כאַוועריש) — — — פריינטלעך
חברן זיך (כאַווערן זיך) — — — זיין פריינט
חדר (כיידער) — — — אַ רעליגיעזע שול
חודש (כוידעש) — — — אַ מאָנאַט
חוה (כאַווע) — — — אַ נאָמען
חוזק (כויזעק) — — — שפּאַס
חולאים (כוילאָאים) — — — מערצאָל פון כוילע
חולה (כוילע) — — — אַ קראַנקער
חומש (כומעש) — — — ערשטע פינף ביכער אין דער ביבל
חופה (כופּע) — — — כאַסענע-צערעמאָניע
חוץ (כוץ) — — — אויסער
חוצפה (כוצפּע) — — — האָזע, insolence
חורבה (כורווע) — — — רואינירטע געביידע אָדער פּלאַץ
חורבן (כורבן) — — — רואינע
חוש (כוש) — — — sense
חושד זיין (כוישעד זיין) — — — באַשולדיקן, suspect
חושך (כוישעך) — — — פינצטערניש
חזיר (כאַזער) — — — pig
חזן (כאַזן) — — — cantor
חידוש (כידעש) — — — אַ וואונדער
חיה (כייע) — — — animal
חיים (כייעם) — — — אַ נאָמען
חיסרון (כיסאָרן) — — — אַ פעלער, defect

חכם (כאָכעם) — אַ קלוגער
חכמה (כאָכמע) — קלוגשאַפט
חלה (כאַלע) — ווייס ברויט
חלום (כאָלעם) — טרוים
חלומית (כאַלוימעס) — מערצאָל פון כאָלעם
חלק (כיילעק) — אַ טייל
חלשות (כאַלאָשעס) — nausea, faint
חלשן (כאַלעשן) — פאַלן אין כאַלאָשעס
חן (כיין) — שיינקייט, grace
חנוכה (כאַנוקע) — אַ רעליגיעזער יאָנטעוו
חניפה (כאַניפע) — flattery
חסיד (כאָסעד) — אַ פרומער
חסידות (כסידעס) — אַ רעליגיעזע באַוועגונג ביי יידן
חרטה (כאַראָטע) — regret
חרם (כיירעם) — excommunication, ban
חרפה (כאַרפע) — אַ שאַנד
חשבון (כעזשבן) — אַ רעכענונג
חתונה (כאַסענע) — wedding
חתן (כאָסן) — bridegroom

ט

ט — טעס

טבע (טעווע) — כאַראַקטער, געוואוינהייט
טובה (טויווע) — favor
טועה (טויע) [זיין זיך] — מאַכן אַ טאָעס
טלית (טאַלעס) — אַ זאַך, וואָס מען טוט אָן ביים דאַווענען
טעות (טאָעס) — אַ גרייז
טעם (טאַם) — געשמאַק
טענה (טיינע) — אַרגומענט, claim
טענהן (טייַנען) — אַרגומענטירן
טריף (טרייף) — ניט קאָשער

י

י — יוד

יבשה (יאַבאָשע) — לאַנד (קעגנזאַץ צו וואַסער, יאַם)
ידיעה (יעדיע) — נייעס
יהודה (יעהודע) — אַ נאָמען
יהוה (יעהאָווע) — נאָמען פון גאָט ביי יידן
יום־טוב (יאָנטעוו) — holilday
יום־כפור (יאָמקיפער) — אַ יידישער רעליגיעזער יאָנטעוו
יונה (יוינע) — אַ נאָמען
יוסף (יויסעף) — אַ נאָמען
יורש (יוירעש) — דער, וואָס קריגט אַ יערושע
יושר (יוישער) — גערעכטיקייט
יחוס (ייכעס) — אָפשטאַמונג, אַריסטאָקראַטיע
יחסן (יאַכסן) — אַן אַריסטאָקראַט
ים (יאַם) — sea
יסורים (יעסורים) — ליידן, ווייטיקן
יעקב (יאַנקעוו) — אַ נאָמען
יצחק (ייצכעק) — אַ נאָמען

יקרות (יאַקרעס) — — — — — — — — טייערקייט
ירדן (יאַרדן) — — — — — — — — — אַ טייך אין פּאַלעסטינע
ירושה (יערושע) — — — — — — — inheritance
ירושלים (יערושאָלאַאים) — — — — הויפּטשטאָט פון פּאַלעסטינע
ישוב (ייִשעוו) — — — — — — — settlement
יתום (יאָסעם) — — — — — — — אַ ייִנגל, וואָס האָט נים קיין עלטערן
יתומה (יעסוימע) — — — — — — אַ מיידל אָן עלטערן
יתומות (יעסוימעס) — — — — — — מערצאָל פון יעסוימע
יתומים (יעסוימים) — — — — — — מערצאָל פון יאָסעם

כ — כאַף

כבוד (קאָוועד) — — — — — — — ערע, רעספּעקט
כדאי (קעדײַ) — — — — — — — ס׳לוינט זיך, ס׳איז ווערט
כדי (קעדיי) — — — — — — — in order
כהן (קויהען) — — — — — — — פּריסטער ביי יידן
כהן גדול (קויהען גאָדל) — — — — — high priest
כוונה (קאַוואָנע) — — — — — — מיין, געדאַנק, ציל, purpose
כוח (קויעך) — — — — — — — — קראַפט
כום (קאָס) — — — — — — — — ווייַן-גלאָז
כישוף (קישעף) — — — — — — — צויבער, magic
כל טוב (קאָל טואוו) — — — — — — אַלדאָס גוטס
כל ישראל (קאָל ייסראָעל) — — — — אַלע יידן
כל נדרי (קאָל נידריי) — — — — — אַ רעליגיעז יאָמקיפּער-געבעט
כלה (קאַלע) — — — — — — — — bride
כלי (קיילע) — — — — — — — — אַ געצייג, אַ געפעס
כלי קודש (קליי קוידעש) — — — — די וואָס לעבן פון רעליגיע
כלל (קלאַל) — — — — — — — — rule
כלערליי (קאָלערליי) — — — — — — אַלע מין, פאַרשיידענע
כמעט (קימאַט) — — — — — — — almost
כעס (קאַעס) — — — — — — — — בייזקייט
כעסן (קייסן) — — — — — — — — אַ בייזער
כפּרה (קאַפּאָרע) — — — — — — — sacrifice
כשר (קאָשער) — — — — — — — — kosher
כשרן (קאַשערן) — — — — — — — מאַכן קאָשער

ל — לאַמעד

לאה (לייע) — — — — — — — — — אַ נאָמען
לבנה (לעוואָנע) — — — — — — — — moon
להכעים (לעהאַכעס) — — — — — — in spite
לוויה (לעווייע) — — — — — — — funeral
לוח (לועך) — — — — — — — — — קאַלענדאַר
לוחות (לוכעס) — — — — — — — — שטיינערנע טאָוולען מיט די צען געבאָט
לויתן (לעוויאָסן) — — — — — — — לעגענדאַרישער ריזיקער פיש
לחיים (לעכייעם) — — — — — — — אַן אויסרוף ביים טרינקען —„צום לעבן!”
לכבוד (לעקאָוועד) — — — — — — in honor
למשל (לעמאָשל) — — — — — — — צום ביישפּיל
לץ (לעץ) — — — — — — — — — וויצלער
לשון (לאָשן) — — — — — — — — שפּראַך

מ

מאכל (מייכל) — אַן עסן
מבול (מאַבל) — אַ פאַרפליויצעניש, deluge
מבין (מייוון) — אַ קענער, אַן עקספּערט
מגילה (מעגילע) — scroll
מגפה (מאַגייפע) — עפּידעמיע
מדבר (מידבער) — וויסטעניש
מדבריות (מידבאָריעס) — מערצאָל פון מידבער
מדינה (מעדינע) — לאַנד, פּראָווינץ
מדרגה (מאַדרייגע) — שטופע, stage
מודה (מוידע) [זיין זיך] — צוגעבן, confess
מוח (מויעך) — brain
מוחל (מויכל) [זיין] — פאַרגעבן
מוסר (מוסער) — שטראָפּרייד
מורא (מוירע) — שרעק
מזבח (מיזבייעך) — אַלטאַר
מזומן (מעזומען) — באַר געלט
מזיק (מאַזעק) — אַ ווילדער, אַ צעלאָזענער
מזל (מאַזל) — גליק
מזרח (מיזרעך) — east
מחויב (מעכויעוו) — פאַרפליכט
מחותן (מעכוטן) — פאָטער פון כאָסן אָדער קאַלע
מחותנתטע (מעכוטענעסטע) — מוטער פון כאָסן אָדער קאַלע
מחיה (מעכייע) — גוט, אַ פאַרגעניגן
מילא (מיילע) — זאָל זיין, well
מכבד (מעכאַבעד) [זיין] — to treat
מכה (מאַקע) — אַ געשוויר, אַ וואונד
מכשף (מעכאַשעף) — אַ קישעף-מאַכער, magician
מלאך (מאַלעך) — angel
מלאכה (מעלאָכע) — אַרבעט, trade
מלוכה (מעלוכע) — רעגירונג, government
מלך (מיילעך) — קעניג
מלכה (מאַלקע) — קעניגין
מנהג (מינעג) — טראַדיציע, custom
מנהגים (מינאָגים) — מערצאָל פון מינעג
מנחם (מענאַכעם) — אַ נאָמען
מסור (מאָסער) — אַ שפּיאָן
מסירה (מעסירע) — פאַרראַט, betrayal
מסתמא (מיסטאָמע) — probably
מעלה (מיילע) — advantage
מעשה (מייסע) — דערציילונג
מפלה (מאַפּאָלע) — אַ דורכפאַל
מצבה (מאַציייווע) — tombstone
מצה (מאַצע) — שפּייז, וואָס מען עסט פּייסעך
מצוה (מיצווע) — אַ רעליגיעז געבאָט
מצרים (מיצרייעם) — עגיפּטן

מקנא (מעקאַנע) [זיין] — — — — — envy
מרדכי (מאָרדכע) — — — — — — אַ נאָמען
משה (מוישע) — — — — — — — אַ נאָמען
משוגע (מעשוגע) — — — — — — insane
משיח (מאָשיעך) — — — — — — messiah
משפחה (מישפּאָכע) — — — — — — פֿאַמיליע
משפט (מישפּעט) — — — — — — אורטייל, sentence
משרת (מעשאָרעס) — — — — — — דינער
מתנה (מאַטאָנע) — — — — — — — פּרעזענט

נ — נון נ

נביא (נאָווי) — — — — — — — פּראָפֿעט
נביאים (נעוויאים) — — — — — — מערצאָל פֿון נאָווי
נגיד (נאָגיד) — — — — — — — — אַ רייכער
נדבה (נעדאָווע) — — — — — — — דאָס וואָס מען שענקט אַן אָרעמאַן, alms
נוח (נויעך) — — — — — — — — אַ נאָמען
נחת (נאַכעס) — — — — — — — אַ פֿאַרגעניגן
נס (נעס) — — — — — — — — אַ וואונדער, miracle
נסיון (ניסאָיען) — — — — — — — אַ פּרואוו, temptation
נעלם (נעלעם) [ווערן] — — — — — פֿאַרשווינדן
נפש (נעפּעש) — — — — — — — אַ באַשעפֿעניש, אַ פּאַרשוין
נפתלי (נאַפטאָלי) — — — — — — אַ נאָמען
נצחון (ניצאָכן) — — — — — — — אַ זיג
נשמה (נעשאָמע) — — — — — — — soul
נתפעל (ניספּאָעל) [ווערן] — — — — פֿאַרוואונדערט ווערן, אַנטציקט ווערן

ס — סאַמעך ס

סביבה (סווייווע) — — — — — — — אַרומרינגלונג, environment
סדום (סדאָם) — — — — — — — — אַ לעגענדאַרישע זינדיקע שטאָט
סדר (סיידער) — — — — — — — אָרדענונג, פֿייסעכדיקע רעליגיעזע צערעמאָניע
סוד (סאָד) — — — — — — — — אַ סעקרעט
סוחר (סויכער) — — — — — — — הענדלער, merchant
סוף (סאָף) — — — — — — — — ענדע
סחורה (סכוירע) — — — — — — — וואַרע, commodity, goods
סיבה (סיבע) — — — — — — — אורזאַך
סידור (סידער) — — — — — — — אַ בוך מיט טפֿילעס
סימן (סימען) — — — — — — — אַ צייכן
סך (סאַך) — — — — — — — — פֿיל
סך הכל (סאַכאַקל) — — — — — sum total
סם (סאַם) — — — — — — — — גיפֿט
סעודה (סודע) — — — — — — — אַ מאָלצייט, feast
ספק (סאָפעק) — — — — — — — אַ צווייפֿל
ספר (סייפער) — — — — — — — אַ בוך (אַמייִנסטן: אַ רעליגיעז בוך)
ספר תורה (סייפער טוירע) — — — — טוירע געשריבן אויף פּאַרמעט
סתם (סטאַם) — — — — — — — גלאַט אַזוי, אומבאַשטימט

ע

ע — אײַען

עבֿרה (אַווײרע) — אַ פֿאַרברעכן
עגמת נפֿש (אַגמעסנעפֿעש) — אָרג, ערגערניש
עדות (אײדעס) — witness
עוולה (אַוולע) — אַן אומגערעכטיקייט
עול (אָל) — לאַסט, יאָך
עולם (אוילעם) — אַ מאַסע, crowd
עזות (אַזעס) — האָזע, insolence
עיקר (איקער) — הויפּטזאַך
עם הארץ (אַמאָרעץ) — פּראָסטער, אומגעבילדעטער, איגנאָראַמוס
עמום (אָמעס) — אַ נאָמען
עניו (אָנעוו) — אַ באַשײדענער מענטש
עניוות (אַניוועס) — באַשײדנקייט, modesty
ענין (איניען) — אַ זאַך, אַ פֿראַגע, אַ פּראָבלעם
עסק (אײסעק) — אַ געשעפֿט
עצה (אײצע) — אַ ראַט, advice
עקשן (אַקשן) — אַן אײַנגעשפּאַרטער
עקשנות (אַקשאָנעס) — אײַנגעשפּאַרטקייט
ערבֿ (ערעוו) — אַ טאָג פֿאַר, on the eve of
ערך (אַן ערעך) — אומגעפֿער
עשירות (אַשירעס) — רײַכקייט

פּ

פּ — פּײ

פּגר (פּיגער) — אַ קערפּער פֿון אַ טויטער כײַע
פּחד (פּאַכעד) — שרעק
פּחדן (פּאַכדן) — אײנער וואָס האָט מוירע, coward
פּטור (פּאָטער) — פֿאַרטיק
פּטרן (פּאַטערן) — פֿאַרניכטן, קאַליע מאַכן
פּנחס (פּינכעס) — אַ נאָמען
פּנים (פּאָנעם) — געזיכט
פּסוק (פּאָסעק) — אַ זאַץ אין דער ביבל
פּסח (פּײסעך) — אַ ייִדישער יאָנטעוו
פּסק (פּסאַק) — אורטייל
פּרט (פּראַט) — אײנצלהייט
פּריץ (פּאָרעץ) — לאַנד-אײגנטימער
פּרנסה (פּאַרנאָסע) — פֿאַרדינסט
פּשוט (פּאָשעט) — פּראָסט
פּשרה (פּשאָרע) — אויסגלײַך, קאָמפּראָמיס

צ

צ — צאַדיק

צדיק (צאַדיק) — אַ הײליקער, saint
צדקה (צדאָקע) — charity
צוואה (צאַוואָע) — ווילן פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענעם, will
ציון (ציִען) — פּאַלעסטינע
ציוניסט (ציִעניסט) — אײנער, וואָס גלייבט אין ציאָניזם
צלם (צײלעם) — קרײץ, cross
צער (צאַר) — טרויער
צרה (צאָרע) — אומגליק

ק — קוף

ק

קבצן (קאַפּצן) — אַן אָרעמאַן, אַ בעטלער
קבר (קייווער) — אַ גרוב, וואו מע באַגראָבט אַ טויטן
קדחת (קאַדאָכעס) — פיבער
קדיש (קאַדעש) — טעגלעך געבעט נאָך אַ געשטאָרבענעם
קהילה (קעהילע) — רעליגיעזע אַדמיניסטראַציע
קודם (קוידעם) — פריער
קול (קאָל) — שטימע
קונה (קוינע) — אַ קויפער
קין (קייען) — ביבלישער נאָמען (אַ ברודער-מערדער)
קללה (קלאָלע) — curse
קנאה (קינע) — envy
קצב (קאַצעוו) — butcher
קרבן (קאָרבן) — victim, sacrifice
קרבנות (קאָרבאָנעס) — מערצאָל פון קאָרבן
קרוב (קאָרעוו) — איינער, וואָס באַלאַנגט צו דער מישפּאָכע, relative

ר — ריש

ר

ראובן (רואוון) — אַ נאָמען
ראש השנה (ראָשאַשאָנע) — אַ יידישער יאָנטעוו
רב (ראָוו) — rabbi
רבי (רעבע) — לערער
רביצן (רעבעצין) — דעם רעבנס פרוי
רבקה (ריפקע) — אַ נאָמען
רוב (ראָוו) — מערסטע
רוח (רועך) — טייוול
רוצח (רויצייעך) — מערדער
רושם (רוישעם) — איינדרוק
רחל (ראָכל) — אַ נאָמען
רחמנות (ראַכמאָנעס) — מיטלייד
ריוח (רעוועך) — פאַרדינסט, פּראָפיט
ריח (רייעך) — odor
רכילות (רעכילעס) — gossip
רעה (ראָע) — אַ שלעכטס
רעש (ראַש) — אַ טומל
רציחה (רעציכע) — מערדעריי
רשע (ראָשע) — אַ שלעכטער, אַ זינדיקער

ש — שין

ש — סין

ש

שאלה (שיילע) — אַ פראַגע
שבועה (שוואוע) — oath
שבועות (שוואועס) — מערצאָל פון שוואוע, אַ יאָנטעוו
שבת (שאַבעס) — Saturday
שד (שעד) — טייוול
שוחט (שויכעט) — איינער וואָס קוילעט בייעס לויט דער יידישער רעליגיע
שולמית (שולאַמיס) — אַ נאָמען

שונא (סוינע) — — — — — — — פיינט

שופר (שויפער) — — — — — — — הארן (וואָס ווערט באַנוצט ראָשאַשאָנע אין שול צום בלאָזן)

שותף (שוטעף) — — — — — — — פאַרטנער

שטן (סאָטן) — — — — — — — — טייוול

שיכור (שיקער) — — — — — — — drunk

שכירות (סכירעס) — — — — — — לוין

שכל (סייכל) — — — — — — — — פאַרשטאַנד

שכן (שאָכן) — — — — — — — — neighbor

שכנה (שכיינע) — — — — — — — 2טער מין פון שאָכן

שכר־לימוד (סכאַרלימעד) — — — אָפּצאָל פאַר לערנען

שלום (שאָלעם) — — — — — — — פרידן

שלום־עליכם (שאָלעם־אַלייכעם) — — אַ באַגריסונג

שליח (שאָליעך) — — — — — — — messenger

שלמה (שלוימע) — — — — — — — אַ נאָמען

שמד (שמאַד) — — — — — — — אָננעמען אַן אַנדערע רעליגיע

שמואל (שמועל) — — — — — — — אַ נאָמען

שמחה (סימכע) — — — — — — — אַ נאָמען ; אַ פרייד, אַ פאַרטי

שנאה (סינע) — — — — — — — פיינטשאַפט

שעה (שאָ) — — — — — — — — אַ שטונדע

שרפה (סריפע) — — — — — — — אַ פייער

ת

ת — סאָוו ת — טאָוו

תבואה (טוואוע) — — — — — — grain

תהום (טאָם) — — — — — — — — אָפּגרונט

תהילים (טילים) — — — — — — — psalms

תוך (טאָך) — — — — — — — — טייל פון דער ביבל

תורה (טוירע) — — — — — — — צוועק, ציל

תירוץ (טערעץ) — — — — — — — אַן ענטפער, אַן אויסרייד

תכלית (טאַכלעס) — — — — — — גרונט, essence

תל־אָביב (טעלאָוויוו) — — — — — אַ שטאָט אין פאַלעסטינע

תליה (טליע) — — — — — — — gallows

תליון (טאַליען) — — — — — — — הענקער

תלמוד (טאַלמוד) — — — — — — רעליגיעזער יידישער בוך

תלמוד־תורה (טאַלמודטוירע) — — אַ רעליגיעזע שול

תלמיד (טאַלמעד) — — — — — — — שילער

תמיד (טאָמיד) — — — — — — — שטענדיק

תענוג (טייַנעג) — — — — — — — פאַרגעניגן

תענית (טאָנעס) — — — — — — — אַ פאַסט־טאָג

תפילה (טפילע) — — — — — — — אַ רעליגיעז געבעט

תשובה (טשואווע) — — — — — — אַן ענטפער

ענטפערס

זייט 16 : 1. זי איז זיין טאָכטער. 2. דיין נאָמען.

זייט 22 : רעבוס: „אין די אויגן קען מען אריינקוקן, אָבער ניט אין הארצן."

זייט 30 : רעבוס: „אַ באַרימער איז גוט צו שמייסן."

זייט 38 : 1. אַ מענטש קלינגט אין אַ גלאָק. 2. אַ האָן. 3. אַ נאָדל.

זייט 50 : רעבוס: „לאָכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאָכן."

זייט 58 : 1. אַ בוים מיט פּרוכט. 2. בוך. 3. אַ זעראָ. 4. שפּיגל. 5. עפּעם—עפּל.

זייט 90 :

10	2	6
5	9	4
3	7	8

זייט 88 :

ד	ר	ע	פ	ן	ע	צ

זייט 91 : 1. רעטעניש : ער גיסט אָפּ פון דער 7-גאַלאָנדיקער קאַן אַ פולע 5-גאַלאָנדיקע. בלייבט אים 5 גאַלאָן אין איינער, 2 אין דער צווייטער. גיסט ער אָפּ פון דער 5-גאַלאָנדיקער אַ פולע 3-גאַלאָנדיקע קאַן. בלייבט אים : 3 אין איין קאַן, 2 אין דער צווייטער, 2 אין דער דריטער. גיסט ער צוזאַמען די צוויי גאַלאָנס און קריגט 4 גאַלאָן.

2. קונצן מיט שוועבעלעך :

פון 2 — 10 = X

פון 3 — 6 = VI

פון 4 — 7 = VII

3. רעבוס : איינס אַ זייגער, צוויי אַ פינגער, דריי אַ גלאָק, פיר אַ זאָק.

זייט 96 : אַן איי.

זייט 102 : רעטעניש : דער צווייטער.
רעבוס : אַ נעמער איז ניט קיין געבער.

זייט 104 : 1. וואָס דען זאָל ער בלייבן, אויב ניט קיין שטעקן?
2. פאַר געלט.
3. ביידע קאָכן זיך.
4. ביידע נוצט מען אויף באַקן.

זייט 111 : רעבוס : אויפן גאַנעוו ברענט דאָס היטל.

זייט 119 : רעבוס : דער הונט איז ווערט דעם שטעקן.

צו די לערער:

דאָס ביכל „יידיש" פּרעטענדירט ניט צו זיין קיין פולשטענדיקע גראַמאַטיק. עס אַנטהאַלט גראַמאַטישע אַרבעטן, אַרבעטן אויף לעקסיק און אַנדערע שפּראַך-עלעמענטן פאַרן לימעד פון יידיש אין לעצטן קלאַס עלעמענטאַר-שול און אין דעם ערשטן קלאַס מיטלשול. דאָס ביכל דאַרף העלפן אָרגאַניזירן דעם שפּראַך-לימעד אין דער שול, העלפן דאָס קינד באַהערשן די שפּראַך, זיך אויסלערנען ריכטיק רעדן און שרייבן יידיש. פאָרמעלע גראַמאַטיק ווערט געגעבן בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס איז נויטיק פאַר אָט-דעם פּראַקטישן צוועק.

דער לימעד פון יידיש מיט אַמעריקאַנער קינדער, וואָס רעדן און דענקען אין ענגליש, דאַרף קעסיידער האָבן אין אויג דעם פאַרגלייך צווישן ביידע שפּראַכן. עס איז נויטיק אָנצואווייזן די קינדער אין וועלכע פאַלן און ווי אַזוי מען דריקט זיך אויס אין יידיש אַנדערש, ווי אין ענגליש. די לעקציעס: „יידיש איז אַנדערש, ווי ענגליש", „אידיאָמען", און אַ צאָל אַנדערע זיינען געבויט אויף די פאַרשפּרייטסטע אַנגליציזמען ביי די קינדער.

די צונויפשטעלער פון ביכל האָבן זיך באַמיט וואַריאירן די אַרבעטן און זיי מאַכן ווי ווייט מעגלעך אינטערעסאַנט פאַרן קינד. יעדע לעקציע הייבט זיך אָן מיט אילוסטריר-מאַטעריאַל און מיט אַן אויספיר, וועלכע דאַרפן פונאַנדערגעאַרבעט ווערן אין קלאַס. די אויפגאַבעס דאַרפן אויסגענוצט ווערן סיי פאַר אַרבעט אין קלאַס, סיי פאַר היימאַרבעט. די לערער קענען די אַרבעטן אויסברייטערן, אָדער טיילווייז קירצן, צופּאַסנדיק זיי צו דער הויך פון די קינדערס שפּראַך-קענטעניש.

אַ וואָרט וועגן העברייאישן עלעמענט, וואָס ווערט געגעבן צום סאָף ווי אַ צוגאָב. צוליב דער נאַטוראַליזאַציע פון די העברייאישע ווערטער אין אונדזערע שולן טרעפן זיך די קינדער אָן מיט שוועריקייטן ביים לייענען אונדזער פּרעסע, ביים לייענען יידישע ביכער. דאָס ווערטער-ביכל פון העברייאישע ווערטער (אַן ערעך 400) דאַרף העלפן אין אַ מאָס בייקומען אָט-די שוועריקייטן: די קינדער זאָלן זיך אויס-לערנען ל י י ע נ ע ן די ווערטער.

לערער ווערן געבעטן צושיקן זייערע אָנווייזן אויף טאָעסן און רעקאָמענ-דאַציעס פאַר אויסבעסערונגען. מיר וואָלטן אויך זייער געוואָלט, אויב נאָר מעגלעך, הערן די מיינונג און די קריטיק פון די שילער. שרייבט אויף דעם נאָמען פון די צונויפשטעלער, קער אָוו אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן, 80—5טע עוועניו, ניו יאָרק.

צו דער צווייטער אויפלאַגע

מיר האָבן געמאַכט אַ סאַך ענדערונגען אין דער צווייטער אויפלאַגע. מיר האָבן מער דעטאַליזירט און פונאַנדערגעאַרבעט די באַזונדערע פּונקטן און צוגעגעבן אַ צאָל אַרבעטן, אַזוי אַז די איצטיקע אויפלאַגע האָט 204 אַרבעטן אַנשטאָט די 150 אַרבעטן אין דער ערשטער אויפלאַגע. מיר האָבן אויך צוגעגעבן עטלעכע אָפּטיילונגען: אַן אַרבעט וועגן אַדווערב, ווערבן מיט זיך, באַשרייבנדיקע ווערבן, און אַ צאָל אַנדערע.

די צונויפשטעלער.